ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# נודע ביהודה

אידיש

**680**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# אמת׳ע מעשיות

אונ

# ערציילונגען

פון דעם גרויסען גאון און צדיק

מוה״ר יחזקאל הלוי לנדא זצוקללה״ה

— דער —

# נודע ביהודה

# דער נודע ביהודה

## 1.

ווי שטערן וואָס זענען פאַרשפּרייט איבערן הימעל, און העלפען כאָטש טיילווייז באַלייכטען די פינסטערע נאַכט גיבען צו מוט און דערפרישונג דעם איינזאַמען וואַנדערער, וועלכער שפּרייזט אַ מידער איבער וועלדער און מדבריות, זייענדיג אויסגעשטעלט צו די גרעסטע סכנות פון גזלנים און רוצחים, אָדער ווילדע חיות, וואָס בושעווען באַזונדערס אין די פינסטערע נעכט.

אַזוי האָט דער בורא כל העולמים, דער שומר עמו ישראל, זעהענדיג דעם לאַנגען גלות וועג, וואָס דער כלל ישראל וועט דאַרפען דורכגיין, די מורא׳דיגע עינויים, גזירות און שחיטות, וואָס ציהען זיך אזוי ווי רויטער שנור די גאַנצע צוויי טויזנט יאָהר פון דעם ביטערן גלות. —

האָט ער ית״ש, ברוב רחמיו וחסדיו פאַרזייט און פאַר־שפּרייט איבער דער לענג און ברייט פון דורות, גרויסע הייליגע נשמות פון גאוני וצדיקי אמת, וואָס מיט זייער תורה, חכמה און צדקות, האָבען באַליוכטען די פינסטערע נאַכט פון גלות, ערמוטיגט געטרייסט, און באַשיצט דאָס אידישע פאָלק, און געהאָלפען זיי בייקומען די אַלע גזירות קשות, און בלייבען לעבען אַלס אידען מיט תורה און אמונה, ביז מיר וועלען זוכה זיין צו ביאת המלך המשיח במהרה בימינו.

איינער פון די ליכטיגע שטערן אויפ׳ן אידישען הימעל אַ גייסטיגער ריז, וואָס האָט מיט זיין תורה באַלויכטען, ניט נאָר די וואָס האָבען געלעבט אין זיין דור, נאָר, אין די שפּרודעלדיקע קוואַלען פון זיינע חידושי תורה, קוויקען זיך די לומדים פון אַלע דורות, און לויט זיינע פּסקים אין

זיינע תשובות, פסק'נען די מורי הוראות ביז דעם היינטיגען טאָג, וואָס מיט זיין חכמה און השתדלות, האָט ער מציל געווען זיין קהילה פון פאַרשידענע סכנות און גזירות רעות, איז געווען דער העלד פון אונזער באַשרייבונג — דער גרויסער גאון וצדיק **ר' יחזקאל לאנדא זצ"ל**, באַוואוסט אַלס דער „**נודע ביהודה**", אויפ'ן נאָמען פון זיין ספר שאלות ותשובות „נודע ביהודה".

און לאָמיר זיך נעהענטער באַקענען מיט זיין לעבענס געשיכטע, מיט זיינע צדקות און מעשים טובים, און טאַקע זעהן, צו וואָס אַ בשר ודם קען צוקומען און זוכה זיין.

אין אַ קליין שטעטעל אַפּטע, פּוילין, איז אין יאָר תע"ד אַכטצען טאָג אין מרחשון, געבוירן געוואָרען אַ אינגעלע, ביי דעם למדן און נגיד ר' יהודה סג"ל לאנדא, און זיין ווייב מרת חיה ע"ה. דער פאָטער ר' יהודה האָט געשטאַמט פון גרויסען און הייליגען יחוס, אַ אייניקעל פון רבי ר' העשיל אבדק"ק קראקא, פון מהר"ל מפּראג, ביז רש"י ז"ל. די מוטער איז געווען די טאָכטער פון הגאון הקדוש וחסיד ר' אליעזר מדובנא זצ"ל. מען האָט איהם אַ נאָמען געגעבן יחזקאל, און אָט פון דעם קליינעם יחזקאל'ע, איז דאָס ארויסגעוואָקסען דער וועלט באַרימטער גאון דער „נודע ביהודה" זצ"ל.

יחזקאל'ע איז געווען אַ בן יחיד ביי זיינע עלטערען, ער האָט זוכה געווען צו אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט, און איבערגעגעבנהייט פון זיינע עלטערן, זייענדיג מענטשען בעלי מדריגה מיט העכערע באַגריפען וועגען תכלית פון לעבען, האָבען זיי זיך ארייגעוואָרפען, ראשם ורובם אין זיין ערציאונג, געדונגען די בעסטע מלמדים, געזעהן אַז ער זאָל קיינע שטערונגען נישט האָבען, משגיח געווען אויף איהם ביי יעדען טריט און שריט.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און די פּירות פון זייער ארבייט, האָבען אָנגעהויבען זיך אָנזעהן. יחזקאל׳ע האָט געהאַט אַ גוטע תפיסה, יעדע זאַך וואָס ער האָט געלערנט, האָט ער טיף באַנומען, מיט הבנה און דעת. זיין פלייסיג־קייט איז געוועזן אַ שם דבר, מען האָט איהם גאָרניט געקענט אָפּרייסען פון זיין לערנען, ער זאָל זיך אַ ביסעל אָפּרוהען. עס ווערט דערציילט, אַז ווען ער איז אַלט געוועזן זעקס יאָהר, האָט איהם זיין פאָטער געבראַכט צו דעם רב פון זייער שטעטעל אַפּט, רבי משה יעקב ז״ל, און ער האָט זיך מיט איהם מפלפל געוועזן אין די שווערסטע סוגיות פון סדר קדשים.

אַזוי איז יחזקאל׳ע געוואַקסען למעלה למעלה, ביי עלף יאָר, האָט איהם זיין פאָטער געקראָגען אַ רבי׳ן אַ גרויסען חריף, ר׳ יצחק אייזיק סג״ל פון לאדמיר, ביי וועמען ער האָט געלערענט צוויי יאָר ביז דרייצען די וועגען פון חריפות און פילפול של אמת.

עס איז כדאַי זיך אָפּצושטעלען באַזונדערס, אַז אַ חוץ די געוואַלדיגע התמדה אין תורה, האָט ר׳ יחזקאל פון זיין פריסטער יוגענד, פאַרשטאַנען אַז תורה אַליין אָהן יראה, האָט קיין ווערט ניט. ווי אונזערע חכמים לערנען אונז: „כל שחכמתו מרובה ממעשיו אין חכמתו מתקיימת״, — ביי וועמען זיין חכמה איז מער פון זיינע מעשים טובים, האָט זיין חכמה קיין קיום ניט. — דעריבער צוזאַמען מיט זיין האָרעווען אין תורה, האָט ער געארבייט אויף זיך, צו דערגרייכען גייסטיגען שלימות, מכניע זיין דעם חומר, מבטל זיין די תאוות גשמיות, זיך צו דערהייבען צו דעם צוועק וואָס השי״ת האָט געוואָלט מיט דעם באַשאַפען דעם מין מענטש אויף דער וועלט.

זיין תלמיד דער גאון ר׳ אליעזר פלעקלס זצ״ל, זאָגט

עדות אין הספד, צווישען אַנדערעס: „...ווי איינער וואָס האָט איהם משמש געווען במשך צענדליגע יאָרען, און גאָר זעלטען איהם פאַרלאָזט, ווייס איך צו דערציילען, ער האָט אַ סאַך געפאַסט, און זיך מסגף געווען, פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב, האָט ער ניט געגעסען קיין פלייש. אין די ניין טעג, האָט ער געלעבט נאָר אויף טרוקען ברויט מיט אַש, אַזוי האָט ער זיך געפירט ביז זיינע לעצטע יאָרען. אַלע יאָרען האָט ער קיינמאָל ניט פאַרפעלט אין נאַכט אפילו אָפצוריכטען חצות, וויינענדיג אויפ׳ן קול, אויפ׳ן חורבן בית המקדש און גלות השכינה.. — אויב עס זאָל זיך געפינען אַ גדול ווי ער אין תורה, אין חריפות און בקיאות, וועט מען אָבער ניט געפינען, וועמ׳ עס זאָל זיך קענען פאַרגלייכען צו איהם אין יראת שמים. ביז זיינע עלערע יאָרען איז ער קיינמאָל ניט געשלאָפען אין אַ בעט, נאָר דעם קאָפּ אָנגעלענט אין אַ קישען, און דעם קערפּער אויף אַ האַרטער באַנק. אויפ׳ן גוף פלעגט ער אָנטאָן אַ זאַק מיט די תלמידים געלערנט שטייענדיג, קיינמאָל ניט געזעסען אין שוהל...„ — ...דאָס איז בלויז אַ טייל פון זיינע מדריגות אין עבודת השם. דער קלענערער טייל, וואָס ער האָט ניט געקענט באַהאַלטען פון זיין געטרייען תלמיד, ווארום מיט זיין גרויס ענוות און חכמה, האָט דער באַהאַלטענער טייל, דער חלק הנסתר פון זיין צידקות, געמוזט זיין אָהן אַ שיעור גרעסער און מעכטיגער.

## 2.

צו זעכצען יאָר האָט ר׳ יחזקאל געפונען זיין באַשערטען זיווג, מרת ליבא, די טאָכטער פון ר׳ יעקב׳קא פון בראד. ר׳ יעקב׳קא איז געווען אַ מופלג בתורה און אַ

גרויסער גביר פון די חשובי קהל אין בראָד, געשטאַמט פון שענסטען יחוס.

ליבא איז געווען אַ מושלמת בכל המעלות, אַ צדיקת מיט אַ גאָלדען האַרץ, הגם זי איז אויפגעבראַכט געוואָרען אין אַ רייך הויז, וואו עס האָט איר קיינמאָל גאָרניט געפעלט דאָך האָט זי געקענט מיטפילען מיט ליידענדע מענטשען, טוענדיג אַלעס וואָס מעגליך זיי צו העלפען אין זייער אָרימקייט און נויט. איר מאַן האָט אין איהר געפונען אַן אמת׳ע אשת חיל, אַ איבערגעגעבען ווייב, וואָס איר גאַנצע שטרעבונג און אַמביציע איז געווען, צו זיין אַ „אשה כשרה העושה רצון בעלה״, — אַ כשר׳ע אידישע פרוי, וואָס טוט איהר מאַנ׳ס ווילען. — און וואָס איז געווען ר׳ יחזקאל׳ס רצון ? — תורה ועבודת השם. האָט ליבא טאַקע איבער־גענומען די גאַנצע לאַסט פון הויז, און געטאָן אַלעס אויף דער וועלט, בכדי איהר מאַן, זאָל אונטער קיינע אומשטענ־דען, ניט דאַרפען מבטל זיין פון זיינע שיעורים.

אין דער „הקדמה״ פון „נודע ביהודה״־קמא, לויבט איהר מאַן, ר׳ יחזקאל, איהר איבערגעגעבענקייט מיט האַרציגע ווערטער : „והאשה אשר עמדי, לעזר ולא כנגדי, זה היא זכותה, שישבה גלמודה בביתה, ואני בבי־מדרשא כל ימי הששה״, — און די פרוי וואָס איז מיט מיר, אַ הילף און ניט פאַרקערט, דאָס איז איהר זכות, וואָס זי איז געזעסען איינזאַם פאַרלאָט אין הויז, און איך אין בית המדרש, די גאַנצע זעקס טאָג פון דער וואָך. —

אַרום זעכציג יאָר איז ליבא געווען מיט געטרייהייט און איבערגעבענהייט, די לעבענס־באַגלייטערין פון איהר גרויסען מאַן. זי האָט געטראָגען דעם יאָך פון הויז, דעם עול פון ערציהען די קינדער, קיין זאַך איז איר קיינמאָל ניט געווען צו שווער, וויסענדיג, אַז מיט דעם ערמעגליכט

זי, איהר מאן זאָל מיט מער הרחבת הדעת קענען אריינ־לייגען אַלע זיינע חושים אין דער תורה הקדושה, זיך קענען מער פאַרטיפען אין ים התלמוד, און ארויסברענגען פון דאָרט פערל פון חידושי תורה. ליבא׳ס גרעסטער פאַר־געניגען איז געווען, צו זיצען אין אַ ווינקעל פון שטוב, נייען אָדער טאָן אַן אַנדערע הויז ארבייט, און אָבסערווירען איהר מאַן, ר׳ יחזקאל, ווי ער זיצט פאַרטיפט אין הוויות אביי ורבא, אָדער אין שרייבען אַ תשובה, ער פלעגט זיך אזוי פאַרטיפען אין לערנען, אַז ער פלעגט פשוט קומען צו התפשטות הגשמיות, זיך אינגאַנצען אויפהויבען פון צייט און אָרט, פאַרגעסענדיג אויף וועלכע וועלט ער גע־פינט זיך, נאָר איהר האַרץ איז געוואַקסען פון שמחה, ווען זי האָט פון צייט צו צייט באַמערקט, ווי זיינע אויגען לייכ־טען אויף, און אַ הייליגער שמייכעל באַווייזט זיך אויף זיינע ליפען, אַ סימן, אַז ער האָט דורכגעבראָכען אַ שווערע סוגיא, געפונען אַ תירוץ אויף אַ האַרבע קושיא, פאַרענט־פערט אַ רמב״ם. ווער האָט זיך דאַמאָלסט געקענט פאַר־גלייכען צו ליבא׳ן עס איז פשוט ניטא קיין תענוג אויף דער וועלט, וואָס זאָל איבערוועגען איהר תענוג, אַזאַ גייס־טיגע צופרידענהייט, אַזאַ אינערליכער שטאָלץ, וואָס האָט זי אַרומגענומען, אַ קלייניגקייט, זי האָט די זכיה, זיך צו געפינען אונטער איין דאַך, מיט דעם איש אלקים קדוש, וועלכער שוועט אין די עולמות העליונים, זי האָט די זכיה צו האָבען, כאָטש אַ קליינעם חלק אין זיין הייליגע תורה און עבודת השם.

ר׳ יחזקאל האָט אָפגעשאַצט איהר איבערגעגעבענהייט ער האָט זי געהאַלטען פאַר אַ גלייכען שותף אין זיין תורה, וויסענדיג, אַז אָהן איהר הילף, וואָלט ער דאָס אַלעס ניט געקענט עררייכען, און ווי דער תנא רבי עקיבא, פלעגט

ער זאָגען צו זיינע תלמידים: „שלי ושלכם שלה היא", — מיין תורה און אייער תורה באַלאַנגט נאָר צו איהר. —

(ווען זי איז נפטר געוואָרען אין יאָר תק"ז, האָט עס איהם פשוט פיזיש צובראָכען און ניט געקענט קומען צו זיך, ער האָט געפילט ווי זיין וועלט איז אונטערגעגאַנגען. עס איז רירענד ביז גאָר, די פאָלגענדע ווערטער פון זיין הספד: „איך האָב ניט זוכה געווען בעוונותי הרבים, צו ווערען נתפס פאר די זינד פון דור, אָבער זי, מיין פרוי, די צדיקת, איז יאָ נתפס געוואָרען אין די זינד פון דור, און אין מיינע זינד, וויי איז צו מיר אויף מיין בראָך אויף מיין עלטער, עס איז גרויס מיין חורבן ווי דער חורבן בית המקדש, איך האָב קיין כח ניט אפילו צו באַוויינען מיין חורבן"). — (ספר אהבת ציון)

באַלד נאָך זיין חתונה, האָט זיך ר' יחזקאל מיט זיין ווייב ליבא, באַזעצט זיך אין בראָד. בראָד איז אין יענער צייט געווען אַ עיר ואם בישראל, אַ שטאָט פול מיט תורה וחכמה, באַזונדערס איז געווען באַרימט די בראָדער קלויז, וואו עס זענען געזעסען די צוקונפטיגע גאוני עולם און עוסק געווען בש"ס ופוסקים יומם ולילה, די חכמי בראד זענען געווען אַ שם דבר אין דער אידישער וועלט, יענע צייט. ר' יחזקאל, הגם ער איז געווען דער איגגסטער פון דער חבריא קדישא, האָט זיך אָבער ניט געקענט באַהאַלטען ער האָט בשום אופן ניט געקענט בלייבען אין שאָטען, אומבאַמערקט ווי ער האָט געוואָלט, די חכמי הקלויז זענען געווען צו גרויסע חכמים און מבינים אַז מען זאָל זיי קענען אָפּנאַרען, זיי האָבען באַלד דערקענט וואָס אין דעם יונגער־מאַן שטעקט, ווען ער איז אַלט געוואָרען בלויז צוואַנציג יאָר, איז ער נתמנה געוואָרען, צו זיין אַ ראש־בית־דין פון די פיר בתי־דינים אין בראָד.

ווי שוין דערמאָנט האָט ר׳ יחזקאל אין בראָד זיך אריינגעוואָרפען אין ים התלמוד, מיט אַ באַזונדערע התמדה און ברען, ער פלעגט די גאַנצע וואָך בלייבען אין קלויז, און בלויז אויף שבת קודש אַהיים קומען. אַחוץ זיינע לימודים אין נגלה בש״ס ופוסקים אין דערברייט און אין דער טיף, האָט ער אויך קובע עתים געווען פאר תורת הנסתר אין ספרי קבלה וכתבי האר״י ז״ל.

אין דער בראָדער קלויז, האָט אין יענער צייט געלערענט דער באַוואוסטער גאון וקדוש, המקובל ר׳ חיים צאנזיר זצ״ל, מיט איהם האָט זיך ר׳ יחזקאל באַפריינדעט און צוזאַמען געלערנט חכמת הנסתר, און ווי ר׳ חיים, האָט מיט יאָרען שפּעטער איבערגעגעבען צו ר׳ יעקב׳קא ז״ל דעם נודע ביהודה׳ס זון, אַז שוין דאַמאָלסט אין זיינע יונגע יאָהרען, האָט ר׳ יחזקאל געקענט אַלע כתבי האר״י און אַלע קבלה ספרים, וואָס זענען געווען בנמצא און אויך דעם מורה נבוכים (זע „דברי ידידות״, אָנפאַנג נו״ב קמא).

.3

אויסער זיין גרויסע התמדה, האָט ר׳ יחזקאל אויך ניט פאַרנאַכלעסיגט זיינע פליכטען צום כלל, אַלס ראש בית דין, האָט ער געפילט פאַראַנטוואָרטליך פאַר אַלע ענינים וואָס קומען פאָר אין שטאָט, אויב מען דאַרף עפּעס מתקן זיין, אויב עס קומט פאָר אַ מיכשול בשמירת המצות, האָט ער באַלד געטאָן אַלעס וואָס עס איז מעגליך דאָס צו פאַרמיידען.

הגם ער איז געווען אַ גרויסער עניו, מיט אַ ווייכע נאַטור, אַ רך כקנה, דאָך, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט אין גייסטיגע ענינים, אין כבוד שמים, צו פאַרדייטיגען די אינטערעסען פון דער תורה הקדושה, איז ער געווען

פעסט ווי אַ פעלזען שטיין, אומבויגזאַם, קעמפענדיג ווי אַ לייב פאַר זיינע הייליגע פרינציפּען און אידעאַלען. עס איז געווען ממש אַ וואונדער צו זעהן די צוויי קאָנטראַסטען אין איין מענטש, פון איין זייט אַ נכנע און שפל ברך, אַ נעים המדות, אַ מענטש וואָס ווייס גאָרניט זיין ווערט, וואָס יעדער קלענסטער איז ביי איהם גרעסער פון זיך. און פון דער אַנדערער זייט, אַ לוחם, מיט תקיפות, מיט שאַרפקייט, וואָס קיין זאַך אין דער וועלט איז ניט בכוח איהם אַ האָר אַוועק צו רירען פון זיינע איבערצייגונגען און השקפות.

עס ווערט דערציילט, דאָס אין בראָד האָט אין יענער צייט געלעבט אַ פּרנס, אַ גרויסער עושר און אַ תקיף, וואָס מען האָט מרנן געוועזן אויף זיין ווייב, אַז זי פירט זיך ניט אויף אין עניני צניעות ווי עס דאַרף צו זיין. נאָך גרינטליכע אויספאָרשונג, איז ביי דעם בית דין באַשלאָסען געוואָרען, דאָס על פי דין, איז איהר מאַן זי מחוייב צו גט'ן. דער פּרנס האָט ניט געוואָלט מקיים פּסק זיין. זייענדיג אַן עושר און אַ מקורב למלכות, האָט ער גע'פועל'ט, אַז עס זאָל ארויסגעגעבען ווערען אַ גזירה, דאָס ווער עס וועט וואַגען צו זאָגען אַ שלעכט וואָרט אויף דער פּרנס'עס פרוי, וועט מוזען באַצאָלען אַ געוויסען סכום גדול אַלס קנס, פאַר יעדעס מאָל וואָס ער וועט דאָס איבערזאָגען. ר' יחזקאל האָט געהאַלטען פאַר זיין פליכט, עפענטליך אויסצודריקען זיין פּראָטעסט געגען דעם פּרנס וואָס וואַגט עובר צו זיין אויף אַ דין פון דער תורה הקדושה לעבענדיג מיט זיין פרוי באיסור. ער האָט אויסגערעכענט פּינקטליך וויפיל ער פאַרמאָגט, צו וויסען וויפיל מאָל ער קען זאָגען דעם פּסק דין, און קענען באַצאָלען די גע־פאָדערטע שטראָף. ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט'ן

חשבון, איז ער צוזאַמען מיט זיינע חברים אריינגעגאַנגען צום פּרנס, און אומדערשראָקען דריי מאָהל אויסגערופען: זי איז אַ זונה, דו ביסט מחויב זי צו גט׳ן. דערנאָך האָט ער באַצאָלט דעם גאַנצען קנס, מיט אַ צופרידענהייט, וויסענדיג, דאָס ער האָט מקדש שם שמים געווען, בכל מאדך, מיט זיין גאַנץ פאַרמעגען.

זיין נאָמען איז געוואָקסען, און ער איז באַראַנט געווארען אין די גאַנצע מדינה, רבנים גדולי תורה, האָבען זיך אָנגעהויבען ווענדען צו איהם מיט שאלות, בלויז פיר און צוואַנציג יאָהר איז ער דאַמאָלסט אַלט געווען, און רבנים, פיל עלטערע פון איהם האָבען זיך צו איהם געווענדעט מיט אַלע זייערע שווערע הלכה פּראָבלעמען, מען דאַרף דערביי געדענקען, דאָס עס איז געווען דאַמאָלסט אַ דור דעה, אין בראָד אַליין האָבען זיך געפונען גרויסע תורה ריזען. און דאָך האָט מען אויסגעוועהלט זיך צו ווענדען צו דעם יונגען ר׳ יחזקאל. ער אַליין האָט מיט זיין עניוות בשום אופן ניט געקענט אויפקלערען די דאָזיגע ערשיינונג. די איינציגע אורזאַך האָט ער געזעהען אין דעם פאַקט, דאָס איז לכבוד זיין באַרימטען פאָטער, וואָס איז אַ גרויסער גביר און פיל מענטשען דאַרפען צו איהם אָנקומען... איז וועגען דעם, וועט ער דערזהען...

ער האָט טאַקע וועגען דעם אָנגערופען זיין ספר פון שאלות ותשובות מיט׳ן נאָמען „נודע ביהודה״, זאָגענדיג, אַז נודע, ער איז געוואָרען באַוואוסט ניט וועגען זיין אייגענע תורה און חכמה, נאָר, ביהודה, וועגען זיין פאָטער יהודה, אַזוי שרייבט ער אין דער הקדמה.

אַרום דרייסיג יאָר איז ר׳ יחזקאל אַלט געווען, ווען ער איז אויפגענומען געוואָרען אַלס רב אין יאַמפּול, פוילן. דאָרט האָט ער געגרינדעט אַ גרויסע ישיבה, און תלמידים

פון נהענט און ווייט זענען געקומען לערנען תורה פון זיין מויל. זיינע שיעורים האָבען זיך אויסגעצייכנעט מיט עמקות און פלפול של אמת, ער האָט זיך שטאַרק מייגע געווען אויף יעדען פרט, גאַנצע נעכט האָט ער געקענט פאַרברענגען אויף איין שווערע סברא אָדער אויף איין האַרבען רמב״ם, ביז ער האָט געפונען דעם ריכטיגען וועג פון הבנה.

זיין ליבשאַפט צו תורה האָט אזוי געברענט אין זיין האַרץ, אַז קיין זאַך איז איהם נישט געווען צו שווער, קיין קרבן איז נישט געווען צו גרויס פאר איין פינטעלע פון ג־ט ב״ה׳ס תורה.

זיינע דרשות אין יאַמפול זענען געווען אַ שם דבר, פון זיינע דרשות שבת הגדול און שבת תשובה, איז ארויס־געקומען זיין ספר „דורש לציון״, וואָס איז אַ פערל צווישען חריפות ספרים, עס איז געבויט אויף צו פאַרבינדען די סוגיות יע״ל קג״ם, וואָס די הלכה איז ביי די זעקס זאַכען ווי אביי קעגען רבא.

גלייכצייטיג זענען זיינע אויגען געווען אָפען צו דעם גייסטיגען מצב פון די שטאָט לייט, און נישט דורכגעלאָזט קיין געלעגענהייט צו וועקען דעם עולם, מוכיח צו זיין אין די זאַכען וואָס דאַרפען חיזוק.

טראָץ דעם וואָס ער איז נאָך געווען יונג אין יאָרען, האָבען אַלע גאונים פון זיין דור, געזעהן אין איהם אַ אדם גדול, מיט אַ ברייטען קוק. עס איז נישט געווען קיין אַלגעמיינער פראָבלעם אין כלל ישראל, וואָס מען האָט איהם נישט משתף געווען. מען האָט זיך גערעכענט מיט זיין מיינונג, און זיך מיט אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט צו זיין חוות דעת.

זיין מיינונג אין אַלע ענינים איז געווען געבויט אויף

אמת׳ען דעת תורה, באַגרינדעט אויף מקורים פון בבלי וירושלמי, ראשונים און אחרונים, קיין זאַך אויף דער וועלט האָט נישט געקענט האָבען די מינדסטע השפעה אויף זיין לויטערער פערזענליכקייט, איהם אַוועק צו בויגען אין האָר פון זיין אמת. ר׳ יחזקאל איז געווען אַ גרויסער אוהב שלום און רודף שלום, און אויף דעם יסוד פון אמת ושלום זענען אַלע זיינע פסקים ג׳ווען געבויט און באַגרינדעט.

4.

די יאָרען וואָס ר׳ יחזקאל איז געווען רב אין יאַמפּול זענען געווען שטורמישע יאָרען אין אידישען לעבען. אַ מורא׳דיגע מחלוקת איז אויסגעבראָכען וואָס האָט צוטיילט די אידען אין צוויי פיינדליכע צדדים, רוב רבנים פון דעם דור זענען אריינגעמישט געוואָרען אין דעם פייער.

עס איז נישט דאָ דאָס אָרט צו דערציילען מיט איינצעלהייטען די סיבות פון דער מחלוקת, מיר וועלען נאָר מיט קורצע שטריכען באשרייבען וואָס עס איז נוגע דעם העלד פון אונזער געשיכטע.

אַרום דעם יאָר תק״י (1750) זענען געברענגט געוואָרען צו ר׳ יעקב עמדין׳ען קמיעות, וואָס דער רבי ר׳ יונתן אייבשיץ, האָט געשריבען צו געוויסע חולאים, ער האָט די קמיעות בודק געווען און געפונען אין זיי, אַז זיי זענען געשריבען מיט רמזים אויף דעם פאַלשען משיח, שבתי צבי ימ״ש. ר׳ יעקב עמדין, כאָטש ער איז געווען אַ פּריוואַטער בעל-הבית אין דער קהילה אלטאנא-האַמבורג האָט דערפילט אַ הייליגען חוב ארויסצוקומען מיט אַ חרם געגען דעם שרייבער פון די קמיעות, הגם דאָס איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי דער מרא דאתרא דער וועלט׳ס גאון און צדיק, דער רבי ר׳ יונתן זצ״ל.

אין אונזער היינטיגע צייט איז זעהר שווער זיך פאַר־צושטעלען ווי עס איז מעגליך געווען ארויסצוקומען מיט אזאַ שרעקליכען חשד געגען דעם רבן של כל בני הגולה. אָבער אַז מיר באַטראַכטען די צייט ווען ס'איז פאַרגעקומען וועלען מיר דאָס בעסער משיג זיין, דאָס זענען געווען יאָרען ווען די לופט איז געווען פול מיט חשדים געגען יעדען וואָס האָט עוסק געווען אין חכמת הקבלה, דער כלל ישראל האָט זייער אַ סאַך געליטען פון דער כת שבתי צבי און דערנאָך פון יעקב פראנק שר״י. די אַלע פאַלשע משיחים, האָבען פאַרוויקעלט זייער פאַלשע אמונה אין זוהר און קבלה די גדולי ישראל, זעהענדיג דעם גרויסען חורבן וואָס זיי מאַכען אָן, ווי עס פירט צו שמד ר״ל, מסירות און גזרות געגען אידען, אין מאַנכע ערטער, האָבען זיי מיט זייערע מסירות, גורם געווען אַז מען זאָל גוזר זיין, צו פאַרברענען דעם תלמוד און אַנדערע ספרי קודש. האָט מען זיי מחרים געווען און גע'רודף'ט מיט אַלע מיטלען.

מען דאַרף געדענקען, אַז פיל פון די צבועים, האָבען זיך פאַרשטעלט פאַר לומדים און צדיקים און אזוי ארום, זיך ארייַנגעמישט צווישען ערליכע אידען צו פאַרשפרייטען זייער גיפט. ר' יעקב עמדין'ס פאָטער דער „חכם צבי״, איז אַליין געווען אַ קרבן פון אַזאַ סאָרט מחלוקת. ער האָט געמוזט פאַרלאָזען זיין רבנות אין אַמסטערדאַם, האָלאַנד, ווייל ער איז אַרויס מיט אַ מחלוקת געגען אַ פאַרשטעלטען שבתי־צבי'ניק וואָס איז געקומען קיין אַמסטערדאַם אַלס אַ מקובל און געברענגט מיט זיך אַ כתב־יד, פון אַ קבלה ספר, און געוואָלט אַ הסכמה פון „חכם צבי״, ווען ער האָט אין כתב־יד אריינגעקוקט, האָט ער גלייך דערפילט אַ ריח טומאה און מינות פון שבתי־צבי'איזום פון צווישען די שורות. עס פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט איהם שוין אַ

הסכמה נישט געגעבען, פארקערט, ער האָט אַראָפּגעריסען דעם פּאַלשען שלאַיער פון דעם מחבר, און האָט מפרסם געווען קלונו ברבים. אָבער לײַדער, האָבען פיל בעלי־בתים און פרנסים, נישט פאַרשטאַנען זייער גרויסען רב, און זיין וויטען בליק, און זיי האָבען געשטיצט דעם שבתי־צבי'ניק. אזוי האָט זיך אָנגעהויבען אַ מחלוקת געגען דעם גאון האמתי דעם חכם צבי, און נאָך פיל רדיפות און בזיונות, האָט ער געמוזט איבערלאָזען זיין רבנות און אַנטלויפען פון אַמסטערדאַם.

דאָס אַלעס האָט פאַרשטענדיליך געווירקט אויף זיין גרויסען זוהן ר' יעקב עמדין, און פון זיין פריסטער יוגענד איז אין איהם אריינגעפלאַנצט געוואָרען אַ שנאה כבושה געגען אַלעס וואָס האָט געשמעקט מיט אַ חשש שבתי־צבי'־איזם. ר' יעקב וואָס האָט זיך גערופען „קנאי בן קנאי", האָט געהאַלטען, אַז ער טאָר דאָס נישט פארשוייגען, און טראָץ זיין גרויסען ווילען אָפּצוהיטען דעם כבוד התורה, און זיין ליבשאַפט צו שלום און אחדות ביי אידען, האָט ער אָבער, אָפּגעשאַצט אַז די סכנה איז אַזוי גרויס, דאָס אַזאַ גרויסער מענטש, אַ באַרימטער גאון און מרביץ תורה, זאָל זיין איינער פון דעם כת, וואָס דאָס קען פירען צו אַ מורא'דיגען חורבן, דאָס איז אַזאַ פאַל פון חילול השם איז „אין חולקין כבוד לרב", מען קען זיך ניט קיין זאַך נישט רעכענען, מען מוז ארויסקומען מיט דער גאַנצער שאַרפ־קייט.

דער רבי ר' יונתן, דערהערענדיג דעם שרעקליכען חשד אויף זיך, האָט ארויסגעגעבען זיין אייגענעם פירוש אויף די קמיעות, אין וועלכען ער האָט אָנגעוויזען, אַז דער מקור פון די שמות הקדושים זענען אין די הייליגע ספרי קבלה און עס האָט קיין מינדסטען שייכות מיט אמונת

שבתי צבי ימ״ש. ר׳ יעקב עמדין האָט אָבער זיינע פירושים נישט אָנגענומען, האַלטענדיג אַז זיי ענטהאַלטען נישט די ריכטיגע כוונה.

ר׳ יעקב עמדין האָט צעשיקט די קמיעות צו די גדולי הדור און מאַנכע האָבען געשטיצט ר׳ יעקב׳ס פירוש אויף די קמיעות. צווישען די וואָס זענען ארויס געגען דעם שרייבער פון די קמיעות, איז אויך געווען דער באַרימטער גאון דער בעל „פני יהושע״ זצ״ל, זיי האָבען מחרים געווען דעם וואָס האָט געשריבען די קמיעות, און געפאָדערט אַז דער רבי ר׳ יונתן זאָל ביז דריי חדשים ערשיינען פאַר אַ בית דין פון רבנים, אויב נישט וועט דער חרם חל זיין אויף איהם.

דער רבי ר׳ יונתן, האָט ענטזאָגט זיך צו שטעלען פאַר אַ בית דין וואָס זיינע געגנער וועלען באַשטימען. ער האָט יום כיפור נאַכט, נאָך כל נדרי געשוואוירען פאַר דעם ארון הקודש, דאָס ער האָט קיין חלק ונחלה אין דער אמונה פון שבתי צבי. און ער האָט אויך מחרים געווען אַלע אָפענע און באַהאַלטענע אָנהענגער פון דעם פאַלשען משיח.

אויך דער רבי ר׳ יונתן האָט צעשיקט זיינע אמת׳ע פירושים אויף די קמיעות צו אַלע גדולי הדור. און דאָס רוב גדולים האָבען געשטיצט זיינע פירושים, ער האָט די תשובות אָפּגעדריקט אין אַ ספר.

דער אַנדערער צד האָט אויך נישט געשוויגען, און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה מיט פּאַשקווילען מיט געגענזייטיגע באַשולדיגונגען און זלזולים, אַז עס האָט זיך געדוכט, אַז מען קען דעם פייער נישט מער קאָנטראָלירען און אויסלעשען. די מחלוקת האָט צוטיילט קהילות אומעטום. עס האָבען זיך איבעראַל געשאַפען צדדים פון אָנ־

הענגער און געגנער. געוועזענע גוטע פריינד און אַפילו משפחה זענען צעטיילט און דערוויטערט געוואָרען.

די מחלוקת האָט געהאַט אַ שלעכטע ווירקונג אויף דעם המון עם, עס האָבען קיינמאָל נישט געפעלט קלים און עמי־ארצים וואָס האָבען דאָ געפונען אַ געלעגענהייט צו רעדען לשון הרע און מבזה זיין גדולי ישראל און צדיקי אמת. דער חילול השם איז געווען אַ שרעקליכער, דער כבוד התורה איז דערנידערט געוואָרען ביז צו דער ערד. די מחלוקת איז אויך דערגאַנגען צו מלכות, דורך מסירות פון איין צד אויף דעם צווייטען.

פון דער אַנדערער זייט, האָבען די שבתי־צבי׳ניקעס אויפגעהויבען דעם קאָפּ, וואָס כאָטש ביידע גאונים האָבען זיי פאַרדאַמט און מחרים געווען. האָבען זיי אָבער כלור־מר׳שט געגלויבט ר׳ יעקב עמדין׳ען און שטאָלצירט, וואָס אַזאַ גאון אדיר ווי דער רבי ר׳ יונתן האַלט מיט זיי...

די לאַגע איז געווען אַ פאַרצוויפעלטע, די מחלוקת האָט פשוט רואינירט גייסטיג און פיזיש דעם כלל ישראל אין גאַנץ אייראָפּא. עס איז באַזונדערס שווער אָפּצושטעלען אַ מחלוקת וואָס איז באמת לשם שמים. די קעמפער זיינען געווען גייסטיגע ריזען, צדיקי אמת, וואָס האָבען אַ לעבען לאַנג געפירט אַ טאָג טעגליכען קאַמף מיט דעם יצר הרע, מיט אַלע מענטשליכע שוואַכקייטען, זיי האָבען אַלע זייערע מצוות און מעשים טובים מקיים געווען מיט דעם גרעסטען הידור מיט דעם גאַנצען שלימות, זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום שוועריגקייט, זיך קיינמאָל נישט גערעכענט מיט דעם דעת הקהל, געגען זייער אמת.

ממילא זייענדיג איבערצייגט אין אמת פון זייער קאַמף אין דער וויכטיגקייט פון קעמפען ביז דעם סוף, טאָ ווער האָט געקענט געפינען אַ וועג צו באַרואיגען די געמיטער

און ברענגען שלום און פאַרשטענדיגונג צווישען די צו־טיילטע ברידער, וואָסביידע דינען באמת די זעלבע אינ־טערעסען, ביידע גלויבען אין זעלבען בורא, און היטען די זעלבע תורה, און ביידע האָבען די בעסטע כונות פאר דעם כלל ישראל, פאר וועלכען זיי זענען גרייט אַוועק צו געבען זייער לעצטען טראָפּען בלוט. ווער איז דער חכם, וואָס קען געפינען אַ פשרה אין אַזאַ פאַל, און דאָ קומען מיר צו, צו דער הייליגער ראָלע וואָס אונזער ר׳ יחזקאל האָט גע־שפּילט אין אויסלעשען דאָס פייער און העלפען ברענגען שלום און פאַרשטענדעניש צווישען די צוטיילטע צדדים.

## 5.

נאָך זייענדיג רב אין יאַמפּול האָבען זיך פיל רבנים און פירער פון אידישע קהילות געווענדעט צו ר׳ יחזקאל ער זאָל זיך ארייגלייגען אין שלום. מען איז שוין מיד גע־וואָרען פון די שרעקליכע מחלוקת און מען האָט געזוכט אַ וועג צו פּטור ווערען פון איהר. זייענדיג מפורסם אַלס גדול סיי אין נגלה, סיי אין נסתר, האָט מען געהאַט צו איהם דעם גרעסטען צוטרויען, אַז ער וועט געפינען דעם אמת און ברענגען שלום אויף דער וועלט.

אין חודש סיון תקי״ב (1752) איז ר׳ יחזקאל ארויס־געקומען מיט זיין באַרימטען „אגרת השלום״ וועלכער האָט גאָר אַ סאַך געהאָלפען לויטערען די לופט, איינשטילען די מחלוקת, צוריק שטעלען דעם כבוד התורה ולומדיה.

דער בריוו איז געשריבען מיט גרויס חכמה, אייזער־נער לאָגיק, געוואויגען און געמאָסטען יעדעס וואָרט, אָב־יעקטיוו ,מיט אַ פלאַמיגע ליבשאַפט צו דער הייליגער תורה, מיט אַ געפיהל פון פאַראַנטוואָרטליכקייט צו דעם

כלל, מיט אַ אינערליכען דראַנג צו שלום ביי אידען און אחדות ביי די טרעגער פון דגל התורה.

לאָמיר כאָטש טיילווייז ציטירען זיינע הייליגע ווערטער:

...איך רעד, ווייל איך קען זיך נישט איינהאַלטען... קיין מורא פון קיין מענטש וועט מיך נישט איבערשרעקן... נאָר דעם אמת וועל איך האַלטען, און פון דעם זיך נישט אָוועקרירען...

די קמיעות וואָס זענען געשיקט געוואָרען פון האַמ־בורג און פון מיץ, לויט זייער פשוט'ן פשט ווי עס זעהט אויס פאַר'ן אויג, — ווען ניט דאָס חזקת כשרות פון דעם גאון מופלג און מפורסם ר' יונתן, וואָס איז אַ חכם עדיף מנביא מוחזק — וואָלט איך גוזר געווען און געזאָגט, אַז זייער שרייבער איז געפאַלען אין דער נעץ פון ש"ץ... אָבער אויך נאָר אַלס חשש, בודק צו זיין דעם שרייבער, אָבער נישט אָנצונעמען פאַר זיכער... דאָס אַלעס ווען דער שרייבער וואָלט געווען אַ סתם מענטש, וואָס מיר ווייסען נישט זיין מהות. אָבער יעצט אַז דער שרייבער איז מוחזק בתורה וחכמה, אַ גאון מפורסם אין אַלע עקען וועלט, זענען מיר מחויב... צו געפינען זיין זכות... לאָמיר לערנען פון אונזערע חכמים... דעם ספר קהלת האָט מען דן געווען לזכות ווייל זיין אָנפאַנג און זיין סוף איז יראת שמים... אויך ר' יונתן זיין גאַנצען לעבען פון זיין יוגענד ביז יעצט, מרביץ תורה געווען אין ישיבות... זכה וזיכה את הרבים... איז בודאַי קיין זינד נישט געקומען דורך איהם... ווער נאָך אין אונזער דור קען אזוי מוכיח זיין ווי ער?... חס ושלום צו טראַכטען אַז זיינע תלמידים וועלען זיין אין גן עדן און ער, דער רב אין גיהנם...

דעם ספר „יחזקאל" וואָס זיינע ווערטער זענען סותר דברי תורה, האָבען דען וועגען דעם די חכמי ישראל

מהרהר געווען געגען ג־טליכען נביא ח״ו, אומגעקערט, זיי האָבען זיך אָנגעשטרענגט עס צו דרש׳ענען און פאַרענט־פערען... די קמיעות, דעם אמת זאָגענדיג מיט דעם גאַנ־צען כבוד צו דעם באַרימטען גאון... האָב איך זיך גע־פלאָגט זיי צו דרש׳ענען אויף אַ אַנדערען וועג, עס זאָל נישט נוטה זיין צו די שטותים... און נישט געפינען... אָבער דאָך פאַראורטייל איך זיי נישט, ווייל זיי זענען פאַר־הוילען, און אפשר ווייס א י ך נישט זייער באַדייטונג...

דאָס איז אָבער זיכער, אַז דער משפט פון די קמיעות, איז נישט בעסער פון ספר יחזקאל, וואָס איידער מען האָט געפונען דעם וועג איהם צו דרש׳ענען, האָבען די חכמים געוואָלט איהם גונז זיין. הגם זיי זענען געווען זיכער, אַז אַלע ווערטער אין ספר יחזקאל זענען ארויס פון מויל פון אַ נביא מוחזק און זענען דברי אלוקים חיים. נאָר כדי, דאָס פאָלק זאָל נישט נכשל ווערען לויט די פשטות פון די ווערטער, האָט מען עס געוואָלט גונז זיין.

דאָס זעלבע מיט די קמיעות... אויב עס וועלען מסכים זיין צוויי, דריי גאונים... מען זאָל גוזר זיין, אַז יעדער מאַן אָדער פרוי, זאָל אַראָפּנעמען פון זיך די קמיעות און זיי איבערגעבען צום בית־דין אין יעדער שטאָט... חלילה זיי צו עפענען... נאָר קובר זיין אין אַ כלי חרס... אָדער זיי צוריק שיקען צו דעם גאון... ר׳ יונתן... און ער זאָל זיי גונז זיין... על־כל־פנים, מהיום והלאה זאָל מען זיך מער נישט באַנוצען מיט די קמיעות... אין דעם זכות וועט מען האָבען אַ רפואה שלימה...

... איך ווייס אַז עס וועט פאַרדריסען דעם גאון ר׳ יונתן אויף מיין משפט... וואָס זאָל איך טאָן... קיין חניפה קומט נישט פאַר מיר... דער אמת איז ליבער פון אַלס... און דאָס איז זיין טובה אַראָפּצונעמען אַ מכשול פון אונזער

פאַלק... ווייל אויך אַז די קמיעות זענען ריין אָן יעדען חשש פון קרומקייט, נאָר קודש קדשים, דאָך, פאַר כלל ישראל, זענען זיי אַ שטרויכלונג, און עס האָט געגעבען אַ האַנד צו די פושעים די גלויבער פון ש״ץ, זאָגענדיג מיר האָבען אַ רבי גדול וואָס שטיצט אונז, ווי בעוה״ר האָבען זיי זיך פאַרשפרייט אין אונזער לאַנד אין פאַקטיע און פאַדאָליע... זענען עובר על כל התורה... כריתות.... און ווען מען רעדט צו זיי אין ג־ט ב״ה׳ס נאָמען, הערען זיי נישט, ווייל זיי זאָגען, מיר האָבען אַ חכם, אַ גבור חיל אין תורה.. זיי הענגען זיך אויף, אויף אַ גרויסען בוים... און דאָס אַלעס היינט צו טאָג, ווען דער גאון ר׳ יונתן לעבט מיט אונז, און זייער שקר איז קענטיג פאַר יעדען, ווייל דער גאון האָט זיי דאָך מכחיש געווען... איז וואָס וועט שוין זיין איבער הונדערט און צוואַנציג יאָר, ווען דער גאון וועט זיך שוין געפינען אויפ׳ן עולם האמת... וועגען דעם אַז עס איז אַ חילול השם, גיט מען קיין כבוד פאַר אַ רב... און בודאי איז דער גאון נישט בעסער ווי משה רבינו ע״ה וואָס האָט געמאַכט אַ נחש הנחושת (דעם קופערנעם שלאַנג), כדי אידען זאָלען דורך איהם אויפ־הויבען זייער האַרץ צו השם יתברך, דאָך אַז שפּעטער ווען אידען האָבען זיך טועה געווען נאָך איהם, האָט חזקיה מלך יהודה איהם צוריבען, און די חכמים זכרונם לברכה, האָבען איהם געריימט פאַר דעם. איז אויב מען האָט אזוי געטאָן צו דעם שלאַנג וואָס משה רבינו ע״ה האָט געמאַכט על פי הדיבור, איז דאָך אַ קל וחומר צו די קמיעות וואָס זענען איצט אַ דאָרען און מיכשול פאַר אידען..., מען זאָל אָבער אויסרופען בפירוש, אַז דער טעם פון זייער גונז זיין, איז כדי דאָס פאָלק זאָל אין זיי קיין טעות נישט האָבען, **אָבער דער גאון איז ריין פון יעדען חשד**

חס ושלום אָן איהם אָנצוהענגען פאַלשע חשדים, מיר דאַרפען חושש זיין פאַר זיין כבוד, ווייל זיין כבוד איז דער כבוד פון דער תורה... חלילה צו טראַכטען וועגען איהם שלעכטס... קדוש יאמרו לו... און פון די דריי קהילות אה"ו וואָס אין זיי רוהט דער הייליגער גאון... בעט איך... מען זאָל וואָרענען שטאַרק צו היטען דעם כבוד פון דעם אב"ד, ח"ו צו רעדען אָדער טראַכטען, פירען מחלוקת געגען איהם... ווער עס איז מבזה אַ תלמיד חכם ווי ער, בפרט דעם מרא דאתרא, איז חייב נידוי... איך בין גוזר אַ חרם אויף אַלע דרוקער אין דער וועלט, אַז זיי זאָלען מער נישט דרוקען קיין איין וואָרט וועגען דער מחלוקת...

...איך גוזר זיין אויף דעם גאון מער קיינמאָל נישט געבען קיין קמיעות... וואָס מער קען ער טאָן זיך ריינ־צוואוואַשען... ער אַליין האָט געשריבען אין אַלע ערטער מחרים צו זיין די רשעים מאמיני הש"ץ... קיינמאָל איז קיין מכשול נישט אַרויס פון זיין האַנד אין הוראה... אָדער אין פערזענליכע התנהגות אויך אין עניני חסידות... דאָס קענען זיינע געגנער אויך נישט לייקענען... אַלע קהילות דאַרפען מחרים זיין, יעדען מאַן אָדער פרוי וואָס וועט מער רעדען געגען גאון... ער זאָל אָפּגעטיילט ווערען פון כלל ישראל...

איך ווייס אַז מיינע ווערטער, וועלען זיין שווער און האַרט פאַרביידע צדדים, יעדער וועט זאָגען, דאָס געפעלט מיר יאָ, און דאָס געפעלט מיר נישט. און אפשר וועט עס אַרויסרופען אַ פייער פון קנאה, זאָגענדיג... ווער איז ער... וואָס קומט ער דעות זאָגען... מיר קענען איהם נישט... ער איז נישט באַוואוסט... — דער אמת, איך אַליין ווייס נאָך מער, מיין ווייניגקייט... אָבער, חי הכותב ...מיין כוונה איז נישט וועגען אהבה אָדער שנאה...

איך האָב געוואויגען די ווערטער מיט אַ וואָגשאָהל, דן צו זיין לכף זכות...".

עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז די ווערטער פון אונזער גאון ר' יחזקאל זצ"ל, האָבען געמאַכט דעם ריכטיגען רושם און איז אָנגענומען געוואָרען פון רוב פון די שטרייטענדע צדדים, מען האָט געזעהן אין איהם אַ ג־טליכע חכמה, וואָס נאָר איינער וואָס לערנט תורה לשמה קען צו דעם זוכה זיין.

## 6.

די מחלוקת האָט זיך מיט דער צייט איינגעשטילט, אָבער דער שאָדען וואָס דאָס האָט אָפּגעטאָן פאַר'ן כלל ישראל. קען מען גאָרנישט באַשרייבען. דאָס וואַרפען שמוץ אויף גדולי ישראל, צו וועלכען די מענטשען האָבען זיך צוגעוואוינט, האָט געעפענט דעם וועג פאַר די ערשטע משכילים, וואָס האָבען אָנגעפאַנגען ארויס צו שפּראָצען פון בערלין, מיט זייערע דעות כוזבות... זיי האָבען אויסגע־נוצט די קאָניוקטור, און גענומען ציהלען זייערע פיילען געגען אַלע רבנים די נושאי דגל התורה, און טאָקע געגען די תורה הקדושה אליין. וואָס איז פון דער השכלה באַוועג־גונג ארויסגעקומען, דאָס ווייסען מיר היינט שוין אַלע... זאָל דאָס זיין אַ מוסר השכל פאַר אונז, ווי זיך צו היטען פון מחלוקת און בזיון תלמידי חכמים.

מיר ווילען דאָ דערציילען אַ וואונדערליכע און שווי־דערליכע געשיכטע וועגען די פאָלגען פון אריינמישען זיך אין מחלוקת צווישען גדולים און צדיקים, פון וועלכע מיר וועלען זיך לערנען, ווי געהיט מען דאַרף זיין, נישט אָפּ־געבריט צו ווערען פון זייערע הייסען קוילען...

צו דעם באַרימטען גאון ר' בנימין דיסקין זצ"ל, דער

רב פון הורודנא (פאָטער פון גאון ר׳ יהושע ליב דיסקין ז״ל), איז איינמאָל אַריינגעקומען אַ פרעמדע פרוי, מיט אַ בקשה זי אויסצוהערען. די פרוי האָט געמאַכט זעהר אַ גוטען איינדרוק, און עס איז געווען קענטיג אויף איהר, אַז עפּעס דריקט זי און זי מוז זיך אַראָפּריידען פון האַרצען. מיט טרערען אין די אויגען האָט זי דערציילט די געשיכטע:

זי איז פון פרייסען, וואו זי וואוינט מיט איהר מאַן און קינדער, זיי לעבען אַ אידיש רעליגיעז לעבען, לויט די פאָרשריפטען פון אונזער הייליגער תורה. איהר פאָטער איז אָבער געווען אַ משומד ר״ל, און נישט סתם אזוי אַ משומד נאָר טאַקע דער באַרימטער משומד, וואָס האָט אין יאָר ת״ר (1840) ארויסגעגעבען אין לאָנדאָן פון ענגלישע אי־בערזעצונג אַ בוך מיט דעם נאָמען „נתיבות עולם״, פול מיט באַשמוציגונגען אויף דעם תלמוד און אויף דעם אי־דישען פאָלק, דער בוך האָט געמאַכט אַ שוידערליכען איינ־דרוק אויף דער וועלט, עס האָט ממש געהעצט צו פּאָגראָ־מען און בלוט בלבולים אויף אידען.

איהר פאָטער האָט איבערגעלאָזט די מוטער מיט די קינדער, ווען זי איז נאָך געווען אַ קליין קינד, און זיי האָבען פון איהם מער נישט געהערט, ער האָט פאַרקויפט זיין נשמה צום שטן און געוואָרען אַ מיסיאָנער, באַקעמ־פענדיק זיינע געוועזענע ברידער. די מוטער, האָט אָבער די קינדער ערצויגען אויף אַ אמת׳ן אידישע וועג, און ווי עס פאַרשטייט זיך, האָט זי איינגעפלאַנצט אין זייערע הערצער אַ שנאה צו משומדים און צווישען זיי אויך צו זייער פאַר׳גוי׳אישען פאָטער.

אזוי זענען אַדורך יאָרען און יאָרען, זיי האָבען מיט איהם קיין פערזענליכען קאָנטאַקט נישט געהאַט, בלויז פון צייט צו צייט האָבען זיי געהערט פון זיינע „מעשים טובים״

וואָס האָבען פאַרשוואַרצט דאָס פּנים פון אונזער פאָלק.

פלוצים מיט אַרום צוויי יאָר צוריק — זעצט פאַר די פּרוי — האָט זי באַקומען אַ בריוו פון איהר פאָטער, אין וועלכען ער איז מודה ומתודה אויף אַלע זיינע זינד, ער שרייבט, אַז ער איז אַלט און קראַנק, ער איז געוואָרען אַ בעל תשובה, און וויל אויסלעבען זיינע לעצטע יאָרען ווי אַ איד צווישען אידען. בעט ער זי, זיין טאָכטער, אַז זי זאָל איהם אריינגעמען צו זיך אין הויז, ביז ווי לאַנג איהם איז נאָך באַשערט צו לעבען.

פון אָנפאַנג האָט זי פון דעם גאָרנישט געוואָלט הערען, נאָך אזוי פיל יאָרען פון דערווייטערונג, איז ביי איהר אויסגעלאָשען געוואָרען יעדער מינדסטער געפיל צו איהר פאָטער. אָבער דורכרעדענדיג זיך מיט איהר איידעלען מאַן, זענען זיי געקומען צום באַשלוס, אַז מען טאָר נישט פאַרמאַכען די טיר פאַר אַ בעל תשובה, און זיי דאַרפען האַנדלען מיט רחמנות צו דעם אומגליקליכען פאָטער. זיי האָבען איהם געענפערט אַ פאָזיטיווען ענטפער, און זיי האָבען לאַנגע נישט באַדאַרפען וואַרטען, עס איז געקומען צופאָרען אַן אַלטער צובראָכענער איד, פיזיש קראַנק, אָבער אַן אמת׳ער בעל תשובה, ער האָט זיך אומגעקערט צו זיין גלויבען און גאַנצע טעג געפאַסט און געזאָגט תהילים, געבעטען פאַר מחילת עוונותיו.

זיין געוויסען האָט איהם נישט געגעבען קיין רוה, ער האָט פשוט נישט געפונען זיך קיין אָרט, האַלטענדיג פאַר זיינע אויגען, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן אין זיין לעבען. ער פלעגט ביינאַכט פון חלום שרייען און וויינען מיט ביטערע קולות אויף זיינע זינד צו ג־ט און זיין פאָלק.

דאָס אַלעס האָט שלעכט געווירקט אויף זיין געזונד, ער איז געוואָרען אַ חולה מסוכן, און וויפיל זיי האָבען

נישט געפּרופּט צו טאָן, איהם צו היילען מיט די בעסטע דאָקטוירים, האָט עס נישט געהאָלפען. ווען ער האָט דער־פילט אַז זיינע טעג זיינען געציילטע, האָט ער צוגערופען צו זיין בעט, זיין טאָכטער און איידים און צו זיי געזאָגט דאָס פאָלגענדע:

איצט איז געקומען די צייט, איך זאָל אייך דערציילען וואָס איך האָב אייך נאָך קיינמאָל נישט דערציילט. איך בין אַ געבוירענער פון אַלטונאַ. מיין פאָטער ע״ה, איז געווען אַן ערליכער איד פון די נאָהענטסטע מקורבים פון ר׳ יעקב עמדין זצ״ל, ער האָט מיט געהאַלטען מיט איהם, אין דער מחלוקת געגען דעם רבי ר׳ יונתן, מיט דעם גאַנצען ברען פון זיין נשמה. פיל פון די פאַשקווילען און פאַמ־פלעטען וואָס זענען געדרוקט געוואָרען אין ר׳ יעקב עמדין׳ס דרוקעריי, זענען געווען די ארבייט פון מיין פאָ־טער, ער האָט געהאַט אַ געוואַלדיגען שרייבערישען טאַ־לאַנט, און ער האָט עס איינגעשפּאַנט פאַר דעם „הייליגען" צוועק פון מחלוקת געגען דעם רבי ר׳ יונתן, גלויבענדיג מיט דעם גאַנצען האַרץ, אַז ער טוט אַ גוטע זאַך, אַ גרויסע מצוה.

אויך דאָס ספר „עקיצת עקרב" (אַלטונא תקי״ג), וואָס איז פול מיט זילוזולים און שטעכווערטער געגען ר׳ יונתן, איז געווען מיין פאָטער׳ס אַרבייט. דעם טאָג וואָס ער האָט פאַרענדיגט דעם ספר „עקיצת עקרב" איז געווען דער טאָג, ווען ער האָט מיך אריינגעברענגט בבריתו של אברהם אבינו, די שמחה אין זיין הויז איז געווען אַ דאָפּעלטע, דער סיום הספר... און דער ברית פון זיין זוהן. ר׳ יעקב עמדין האָט זיך אויך באַטייליגט ביי מיין ברית, און אזוי איז געווען זיין ברכה צו מיין פאָטער און מיר: יהי רצון אַז דער רך הנימול זאָל זוכה זיין און ערצויגען ווערען,

אין דעם דרך פון דעם ספר וואָס דו האָסט איצט מסיים געווען און ער זאָל באַקעמפען די תורות און השקפות פון אונזער געגנער דעם „מרא דאתרא". מיין פאָטער האָט מיט גרויס כוונה נאָכגעזאָגט אמן, נאָך דער ברכה.

ווען מען האָט דאָס איבערגעגעבען צו דעם רבי ר' יונתן, האָט ער אויך געענטפערט אָמן, זאָגענדיג: איך ווינטש אויך דאָס זעלבע. און איך האָף אַז דאָס וועט זיין די צוקונפט פון דעם קינד...

ווי איהר זעהט, טייערע קינדער מיינע, האָט דער פאָטער פאַרענדיגט, די ברכה פוןביידע צדיקים, איז אין מיר בשלימות מקויים געוואָרען... — איך האָב זיך אין גאַנצען דערווייטערט פון דער תורה פון דעם רבי ר' יונתן, און באַקעמפט זיינע השקפות, וואָס דאָס זענען דאָך די השקפות פון אונזער הייליגע תורה... חטאתי עויתי פשעתי, איך האָב געזינדיגט און געמאַכט אַנדערע זינדיגען וואָס וועט זיין מיין סוף... ער האָט געיאָמערט און גע־ווינט, אוי לי מן יום הדין... אוי לי מן יום התוכחה...

נאָך אַ קורצען שטיל שוויגען, האָט ער זיך געווענדעט צו זיין טאָכטער: איך בעט דיר טייערע טאָכטער מיינע: איך גיי אויף דעם וועג פון אַלע לעבעדיגע, און נאָך מיין טויט, בעט איך דיר, זוך אויף אַ רב אַ צדיק און דערצייל איהם דאָס אַלעס וואָס איך האָב דיר דערציילט, און בעט איהם, דאָס ער זאָל מתפלל זיין פאַר מיין אומגליקליכע נשמה, און מפרסם זיין, צווישען אידען, ווי ווייט מען דאַרף זיך היטען, נישט צו מישען זיך אין אַ מחלוקת.

זי האָט פאַרענדיגט איהר געשיכטע זאָגענדיג: אַז זי איז געקומען צו איהם מקיים זיין איהר פאָטערס צואה...

לאָמיר זיך אין דעם פאַרטראַכטען און טאַקע לערנען, צו אַנטלויפען פון מחלוקת ווי פון פייער. — דער יצר

הרע פון מחלוקת איז זייער גרויס און בפרט מחלוקת „לשם שמים״, דער מענטש וואָס איז געניגט צו מחלוקת וועט באַלד געפינען אַ תירוץ, זאָגענדיג: אַ וודאַי, טאָר מען קיין מחלוקת נישט פירען געגען צדיקים און גדולים, אָבער... איך פיר דאָך מחלוקת געגען צבועים... און פאַלשע... — יאָ, דאָס איז די עצה פון יצר הרע. — ווייל וויסען דאַרף מען אַז ביי אַלע מחלוקת האָבען די בעלי המחלוקת דאָס זעלבע געהאַלטען... היינט אַז מיר קוקען צוריק, זעהען מיר צו וואָס דאָס האָט געפירט, טאָ לאָמיר לערנען פון דער פאַרגאַנגענהייט, און נישט איבער׳חזר׳ן די אַמאָליגע טעותים.

לאָמיר געדענקען דעם כלל: אַז גרויסע קריגען זיך, דאַרפען ק ל י י נ ע זיך ניט מישען. — מיר דאַרפען זיין געוואָרענט נישט מזלזל צו זיין אין כבוד פון קי י ן תלמיד חכם און זיך היטען פון לשון הרע און מחלוקת, דאַן וועלען מיר געהן אויף אַ זיכערען בריק.

7.

בלויז דריי יאָר נאָכ דעם באַרימטען „אגרת השלום״, אין יאָר תקט״ו (1755) נאָך צען יאָר זיצען אויף דעם כסא הרבנות אין יאַמפול, איז ר׳ יחזקאל אויפגענומען געוואָרען אַלס רב ואב״ד אין ק״ק פראַג.

דאָס פראַגער רבנות איז געווען איינס פון די גרעסטע רבנות שטעלעס אין דער גאַנצער אידישער וועלט. אַן אַלטע היסטאָרישע קהילה, וואָס איהר אָנהויב ציהט זיך נאָך ימי בית שני און וואָס פאר דורות זענען אויף איהר כסא הרבנות געזעסען די גרעסטע גדולי הדור.

דאָס דערוועהלען אַ רב פון אַ קליין שטעטעל ווי יאַמפול, אַלס הויפט רב פון פראג און בפרט וואָס ער

איז בלויז פערציג יאָהר אַלט געווען, איז געווען ממש אַ סענסאַציע.

די סיבות דערצו זענען געווען פיל. זיין שם טוב אין תורה ויראה, זיינע מידות טובות אין הנהגת הציבור, און בפרט זיין ג־טליכע חכמה וואָס ער האָט ארויסגעוויזען אין איינשטילען די מחלוקת אַרום דעם רבי ר׳ יונתן, דאָס אַלעס האָבען צוגעהאָלפען צו שטעלען איהם אין שפּיץ פון דער פּראגער רבנות.

אין פּראג האָבען געלעבט אַ סאַך אָנהענגער פון רבי ר׳ יונתן, מיט פיל יאָרען פריער, איז ר׳ יונתן געווען אין פּראג אַ דיין און אַ דרשן און געפירט אַ ישיבה. אויך האָבען זיך דאָרט געפונען זיינע געגנער, אָנהענגער פון ר׳ יעקב עמדין. די מחלוקת האָט פיל שאָדען געטאָן אין דער שטאָט און עס האָט זיי געפרייט צו געפינען אַ מענטש וואָס איז מרוצה צוביידע צדדים, אַ אוהב שלום ורודף שלום.

עס האָבען זיך אויך געפונען דאָרט עקסטרעמע בעלי מחלוקת פון ביידע צדדים, וועמען ר׳ יחזקאל איז נישט געפעלען געוואָרען. ער איז ביי זיי נישט געווען גענוג שאַרף... אָבער דאָך האָט דאָס רוב הקהל איהם דערוויילט אַלס זייער רב, מיט דער האָפענונג, אַז ער מיט זיין חכמה און תורה׳דיגען אויטאָריטעט וועט קענען איינשטעלען שלום אין שטאָט.

אויך האָבען שוין אין יענער צייט, אָנגעהויבען צו בלאָזען אין פּראגער געטאָ, ווינטען פון מאָדערניזום, דער דראַנג צו פרייהייט און גלייכבאַרעכטיגונג, האָט געווירקט אויף מאַנכע אידען נאָכצוגיין די גוי׳אישע דרכים. עס האָט זיך געפאָדערט אַ רב, וואָס וועט קענען צוריקהאַלטען דעם שטראָם און אָפּהיטען דאָס גאַנצקייט פון אידישען דת.

כמעט צוואַנציג יאָר, איז אין פּראג קיין הויפּט רב נישט געווען, זינט די פּטירה פון ר׳ דוד אפּענהיים זצ״ל, אין יאָר תצ״ו (1736), די שטאָט איז געפירט געוואָרען דורך די דיינים גדולי התורה. עס איז שווער געווען צו געפינען אַ פּאַסיגען מענטש אויף אַזאַ גרויסע פאַראַנט־וואָרטליכע שטעלע, ביז עס האָט אויפגעשיינט די זון פון אונזער ר׳ יחזקאל לאַנדאַ, און ער איז מיט גרויס כבוד אָנגעקומען קיין פּראג.

מען דערציילט, אַז ווען רבי דוד אפּענהיים, האָט געהאַלטען ביי זיין גסיסה ר״ל, זענען די פאָרשטייער פון דער פּראגער קהילה געשטאַנען אַרום זיין בעט, און ווען ער האָט פלוצים געעפענט זיינע אויגען, האָבען זיי איהם געפרעגט, ווער זיי זאָלען אויפנעמען אַלס רב נאָך איהם. האָט ער זיי געענטפערט מיט׳ן לשון פון דער גמרא: דילמא ר׳ מאיר הוא! און מיט דעם האָט ר׳ דוד פאַרמאַכט זיינע אויגען אויף אייביג.

די פרנסים און לומדים פון פּראג האָבען זיך געבראָכען דעם קאָפּ, צו געפינען די כונה פון זיין ענטפער, וועלכען ר׳ מאיר האָט ער געקענט מיינען?... מען האָט נישט געפונען קיין מעגליכען קאַנדידאַט מיט דעם נאָמען ר׳ מאיר.

ווען זיי האָבען געברענגט דעם כתב הרבנות צו ר׳ יחזקאל׳ען, האָבען זיי איהם אויך דערציילט וועגען די לעצטע ווערטער פון דעם פריערדיגען רב. ר׳ יחזקאל האָט באַלד אויפ׳ן אָרט זיי געענטפערט: די כונה איז פשוט, ווען מען האָט איהם געפרעגט ווער עס זאָל זיין, זיין נאָכ־פאָלגער? הייסט עס דאָך, אַז מען האָט אָנגענומען, אַז ער גייט שוין נפטר ווערען, פאַרוואָס? ווייל, ער איז דאָך שוין אַ גוסס, און די גמרא זאָגט: ר ו ב גוססין למיתה.

האָט ער געענטפערט: דילמא ר׳ מאיר הוא, אפשר איז די הלכה ווי ר׳ מאיר, און ר׳ מאיר האַלט דאָך, אַז מען גייט נישט נאָך דעם רוב, נאָר מען איז חייש׳ למיעוטא טאָ קען ער נאָך לעבען.. — די פּרנסים זענען פון זיין ענטפער אזוי נתפּעל געוואָרען און זיי האָבען געזען אין דעם אַ סימן אַז, מאת ה׳ היתה זאת, אַז ער זאָל זיין דער ממלא מקום פון פּראַגער רבנות.

פונדעסטוועגען ווי געזאָגט, האָבען זיך געפונען אין פּראג אויך אַ סאַך געגנער, צווישען זיי אויך פיל לומדים פון שטאָט. ר׳ זרח איידליטץ זצ״ל איינער פון די דיינים און דרשנים פון פּארג, אליין א גרויסער גאון און צדיק (עס איז פון איהם געדרוקט אַ ספר פון זיינע דרשות „אור לישרים״), האָט זיך די ערשטע צייט גאָר קריטיש באַ־צויגען צו איהם, ר׳ זרח איידליטץ איז אַלס קליין קינד געוואָרען אַ יתום רח״ל, און דער רבי ר׳ יונתן האָט איהם דאַן, וואוינענדיג אין פּראג, אריינגענומען צו זיך אין הויז איהם באַזראָגט מיט אַלעם נויטיגען און מגדל געוועזן איהם ווי אַ אייגען קינד. איז פאַרשטענדליך, אַז אַלס אַ גרויסער פערעהרער פון זיין רבי׳ן ר׳ יונתן, האָט ער נישט גע־קענט זיין זייער פריינדליך צו דעם נייעם רב, וואָס כאָטש ער האָט פאַרטיידיגט מיט זיין גאַנצען כוח דעם כבוד פון ר׳ יונתן, האָט ער אָבער דאָך גע׳פסק׳ענט גונז צו זיין די קמיעות, ווי שוין אויבענדערמאָנט.

מען דערציילט, אַז ביי דער גרויסער אויפנאַמע וואָס די קהילה האָט געמאַכט פאַר דעם נייעם רב, האָט מען איהם אַוועקגעזעצט אויף דעם טראַדיציאָנאַלען כסא הרבנות פון פּראג, די שטוהל איז געוועזן גאָר הויך און נישט באַקוועם צו זיצען ביי דעם טיש. איינער פון די געגנער, באַמערקענדיג ווי ר׳ יחזקאל זיצט נישט באַקוועם, האָט

זיך אָנגערופען בקול רם פאַר דעם גאַנצען עולם מיט אַ שטעכווערטעל: פּראגער רב, איך דענק, אז די שטוהל איז צו הויך פאר אייך... אומגעקערט - ענטפערט ר׳ יחזקאל אויפ׳ן אָרט - דער טיש איז צו נידעריק...

אין מיטען דער סעודה, ווען ר׳ יחזקאל האָט משמח געווען דעם עולם מיט דברי תורה, איז איין למדן ארויס־געקומען מיט אַ שווערע שאלה אין הלכות טריפות און געווענדעט צו ר׳ יחזקאל׳ען. די שאלה איז געווען אַן אויס־געטראַכטע, זייער אַ קאָמפּליצירטע, וואָס די לומדים האָבען פון פריער צוגעגרייט זי, בכדי צו אויסצופּרואוווען דעם נייעם רב. ר׳ יחזקאל האָט מעיין געווען און געווען גע־נויגט צו פּסק׳ענען לקולא, האָבען אָבער אַ טייל לומדים איהם אַרום גענומען מיט פראַגען און ראיות, אַז מען דאַרף מטריף זיין. נאָך אַ ישוב הדעת, האָט ער שוין גע־וואָלט מודה זיין לחומרא. זענען ווידער אַנדערע לומדים געקומען מיט נייע ראיות, אַז עס דאַרף זיין כשר. עס איז געוואָרען אַ טומעל, עס זענען געפלויגען גמרא׳ס און רמב״ם׳ס. ר׳ יחזקאל איז צוערשט געקומען אין אַ פאַר־לעגענהייט... די לומדישע געגנער האָבען זיך איבער־געוואָרפען מיט אַ שמייכעל איינער צום אַנדערען. זיי האָ־בען וואָכען לאַנג געאַרבייט, געלערענט דורכגעטאָן אַלע מקורים פון דעם דין, בכדי צוגרייטען דעם נצחון...

ר׳ יחזקאל האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירען, ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום דעם גאַנצען עולם און מיט אַן ערענסטע שטימע זיך אָנגערופען:

פראַגער לומדים! זאָגט מיר, איך בעט אייך, דער מנהג איז בכל תפוצות ישראל, אַז מען נעמט אויף אַ רב אין יעדער שטאָט, און מען פאַרלאָזט זיך אויף איהם אין אַלע שאלות פון איסור און היתר. איז דאָך אַ חידוש,

יעדער מענטש קאָן דאָך אַמאָל מאַכען אַ טעות, טאָ ווי אזוי פאַרלאָזט זיך אַ גאַנץ קהל אויף אַ דעת יחיד, ער קען דאָך ח״ו מכשיל זיין די גאַנצע שטאָט, מתיר זיין אַ איסור, מאַכיל זיין טריפות בישראל ח״ו?...

ר׳ יחזקאל האָט זיך אומגעקוקט, געוואַרט אויף אַ ענטפער, אָבער זיי האָבען געשוויגען. האָט ער אליין גע־ענטפערט:

לויט מיין מיינונג איז דער ענין אזוי. אַ אידישע קהילה וואָס וויל זיך פירען על פי התורה, זוכט אויפצונעמען אַ רב וואָס איז תורתו אומנתו און קאָן פסק׳ענען אַ שאלה, די תורה איז נישט אין הימעל, מער קען מען נישט טאָן, מען פאַרלאָזט זיך אַז אין זכות ה ר ב י ם וועט השם יתברך איהם אָפּהיטען ער זאָל נישט קומען צו אַ טעות, נאָר מכוון זיין לאמיתה של תורה. אָבער במה דברים אמורים, ווען דאָס איז אזוי, אויב דאָס איז אַ שאלה וואָס איז ב א מ ת פ אָ ר ג ע ק ו מ ע ן, דאַן האָט דער רב סייעתא דשמיא, אין זכות הרבים, ער זאָל גוט פסק׳ענען מכוון צו זיין צו די הלכה. אָבער אויב די שאלה איז גאָר אַן א ו י ס ג ע ט ר אַ כ ט ע וואָס מען האָט זי פּראָ־דוצירט, בכדי אויסצופּרובירען דעם רב... דאַן פעלט דער זכות הרבים און יעדער מענטש קאָן מאַכען אַ טעות...

אזוי האָט ר׳ יחזקאל מיט זיין חכמה, טאַקט און איי־דעלע מידות, מיט דער צייט אַלע זיינע געגנער, געמאַכט פאַר זיינע גוטע פריינד, אויך ר׳ זרח איידליטץ איז גע־וואָרען צוגעבונדען צו איהם מיט אַ אמת׳ע ידידות, וואָס בלויז אַזעלכע צדיקי עולם קענען צו דעם זוכה זיין.

זיין הויפּט אונטערנעמונג איז געווען די ישיבה, וואו עס זענען געזעסען תלמידים עילוים, חריפים און בקיאים פון נאָהענט און פון ווייט, פיל פון זיי זענען אויסגעוואקסען

גרויסע רבנים און פאַרנומען אַ חשוב'ען אָרט אין אידישען לעבען. ער פלעגט מיט זיי לערנען פיר באַזונדערע שי־עורים אין פיר באַזונדערע מסכתות יעדען טאָג. פרייטאָג ביז האַלבען טאָג, פלעגט ער אַליין לערנען מיט די תל־מידים חומש מיט רש"י.

ער האָט געזאָרגט פאַר די הצטרכותן פון זיינע תלמידים, עס זאָל זיי גאָרנישט פעלען, זיי זאָלען קענען עוסק זיין אין תורה מיט הרחבת הדעת, ער פלעגט זיך אַליין ווענדען צו גבירים זיי זאָלען שטיצען די אָרימע תלמידי חכמים. מען דערציילט אַז איינמאָל, גייענדיג צו אַ קאַרגען גביר, אַן עם־הארץ, האָט מען איהם אויפמערק־זאַם געמאַכט, אַז עס פּאַסט נישט אַליין צו גיין צו אַזאַ פאַרשוין, האָט ער געענטפערט: דער מענטש איז דער מובחר הבריות, די חשוב'סטע באַשאַפונג אויף דער וועלט, דאַגעגען אַ בהמה איז אַ נידעריגע באַשעפעניש אָהן שכל ודעת. דאָך אַז אַ מענטש דאַרף מילך, מוז ער זיך אַראָפּ־בייגען צו דער בהמה, כדי זי זאָל זיך לאָזען מעלקען...

אויך אין זיינע דרשות פלעגט ער מאָנען ביי די בעלי בתים צו שטיצען די תלמידי חכמים מיט אַ ברייטער האנד בפרט פלעגט ער וואָרענען, אַז די שטיצע זאָל געגעבען ווערען בדרך כבוד, נישט מאַכען פילען די תלמידי חכמים אַז זיי זענען די מקבלים, נאָר פאַרקערט, זיי זענען גאָר די געבער, ווייל מיט זייער לערנען תורה, זענען זיי משפיע לעבען און פרנסה פאַר דער גאַנצער שטאָט.

פערזענליך איז ער אויך געווען אַ גרויסער בעל צדקה אָרימעלייט האָבען זיך אין אַ עת צרה געווענדעט צו איהם און קיינמאָל נישט געבליבען אַנטוישט. עס ווערט דערציילט אַ זייער אינטערעסאַנטע געשיכטע, וואָס ווייזט ווי ער איז געווען גרייט מוותר צו זיין אויף זיין אייגענעם

כבוד, אַבי דורך דעם צו העלפען אַ אָרימען אין זיין נויט.

אין פּראג האָט געלעבט אַן אָרימער בדחן מיט'ן נאָמען ר' חיים, ער פלעגט ביי חתונות בריתי'ן און אַנדערע שמחות זאָגען בדחנות און זינגען ניגונים און מען פלעגט איהם דערפאַר מהנה זיין. איינמאָל האָט פּאַסירט אַז דער בדחן האָט זיך אויסגעלערנעט דעם ניגון אויף „מכלכל חיים" וואָס דער רב פלעגט איהם זינגען ימים נוראים צו מוסף, דער ניגון איז זייער אַ שיינער, און געווען באַקאַנט אַלס „דעם רב'ס מכלכל חיים", דער בדחן האָט נאָכגעמאַכט דעם ניגון מיט אַלע תנועות און קנייטשען פון רב, און דער עולם פלעגט זיך האַלטען ביי די זייטען...

האָבען די פירער פון דער קהילה געהאַלטען דאָס פאַר אַ זילזול אין רב'ס כבוד, און האָבען דעם בדחן פאַרבאָטען מער צו זינגען דעם רב'ס מכלכל חיים. דער בדחן איז באַלד אריין צום רב, זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט חלילה, נישט געמיינט נאָכשפעטען דעם רב... — ווען דער רב האָט דערהערט די מעשה, האָט ער געענטפערט אדרבה ואדרבה... זינג ווייטער דעם ניגון, זאָלען די אידען הנאה האָבען און דו זאָלסט האָבען פרנסה... און אַלס באַווייז אַז ער גיט איהם רשות, האָט ער איהם אָנגעשריבען דעם פאָלגענדען נוסח:

„איך דער אונטערגעשריבינער, גיב רשות ר' חיים דעם בדחן לכלכל חיים שלו ב,מכלכל חיים' שלי". (אַ וואָרטשפּיל צו שפּייזען זיין לעבען דורך מיין ניגון „מכלכל חיים").

די טירדות מיט די ישיבה זענען געווען געוואַלדיגע, ווייל יעדער שיעור וואָס ער האָט געזאָגט, איז געווען אַ דורכגעהאָרעוועטער, מיט דער גרעסטער עמקות און יגיעה. די שאלות וואָס ער פלעגט קריגען פון רבנים און קהילות,

פלעגט ער אין די פריהע שעה'ן פון פאַרטאָגס און ערב שבת נאָכמיטאָג, זיי ענטפערען.

אַ חוץ אַלע טירדות, זענען זיינע אויגען געווען אָפען צו אַלע פאַסירונגען נישט נאָר אין זיין שטאָט, נאָר אויך אין דער גאַנצער אידישער וועלט, ער האָט אויף אַלעס רעאַגירט לויט דעם דעת תורה, ווי עס האָט זיך געפאָדערט.

זיינע דרשות זענען פול מיט דברי מוסר געגען לוקסוס און אויסברייגעריי, ער האָט מתקן געווען ספעציעלע תקנות ווי אזוי עס זאָלען איינגעאָרדענט ווערען אידישע שמחות, וויפיל געסט מען מעג רופען צו אַ ברית, צו אַ חתונה, וויפיל געריכטען מען מעג סערווירען, ווער עס האָט געוואָלט סערווירען אין מאכל מער, האָט געמוזט צאָלען פאר דעם אַ ספעציעלען שטייער צו דער קהילה, דאָס אַלעס האָט געהאָלפען צוימען דעם דראַנג נאָך לוקסוס און דאָס נאָכטאַנצען די גוים, וואָס עס האָט אָנגעהויבען אריינדרינגען אין אידישען לעבען.

ער האָט געוואָרענט געגען די כפירה'דיגע השקפות וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען צו פאַרשפרייטען פון בער־לין... ער האָט געזען אין לערנען חכמות חיצוניות, פרעמדע וויסענשאַפטען, אַ גייסטיגע סכנה פאר דער אמונה און קיום פון אידען אַלס אידען. אויך האָט ער געוואָרענט אַז עלטערען זאָלען נישט איינשפאַנען זייערע קינדער צו ארבייט אָדער אין געשעפט אין זייערע יונגע יאָרען, ביז זיי זאַפּען זיך אָן מיט פיל תורה און יראת שמים, אַז זיי זאָלען האָבען גענוג גייסטיגען ווידערשטאַנד אין די שפע־טערע יאָרען.

עס פאַרשטייט זיך אַז עס האָבען זיך אַליע מאָל געפונען מענטשען וועלכע האָבען נישט געקענט פאַרטראָגען שטראָף רייד און זיי האָבען געזוכט צו שעדיגען זיין פרעסטיזש,

אָבער ר׳ יחזקאל האָט מיט דעם גאַנצען שטארקייט מקיים געווען דעם „לא תגורו מפני איש״ און געטאָן און געזאָגט וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר גוט און וויכטיג לכבוד השם ותורתו הקדושה.

אין יאָר תקט״ז (1756), דאָס צווייטע יאָר נאָך זיין אָנקומען קיין פּראג, איז אויסגעבראָכען די זיבען יאָריגע מלחמה, עס האָט זעהר אָנגערירט דעם מצב פון דער אידישער באַפעלקערונג, די רעגירונג האָט חושד געווען אַ צאָהל אידען אין העלפען ליפערען סחורה און וואָפען צו דעם שונא, די אַנטיסעמיטישע העצע קעגען די פּראַ־גער אידען איז געוואָרען אומדערטרעגליך. דאָ האָט ר׳ יחזקאל ארויסגעוויזען זיין כוח אַלס מרא דאתרא אויך אין אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים, אין דער צייט וואָס פילע אַנ־דערע וואָס האָבען געהאַט די מעגליכקייטען זענען אַנט־לאָפען פון דער באַלאַגערטער פּראג, האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט מסכים זיין איבערצולאָזען זיין קהילה, ער האָט צוזאמען געזאַמעלט מענטשען צו באַשיצען די ווענט פון דער שטאָט, צו לעשען די פייערען וואָס זענען אויס־געבראָכען פון די שטענדיגע פיילען וואָס דער שונא האָט געוואָרפען אויף דער שטאָט. ער האָט דעם עולם געלערנט דעם וועג פון דער תורה, נישט צו זיין קיין מורד במלכות, ער האָט מתקן געווען ספּעציעלע תפילות אין די שוהלען פון פּראג, פאַר׳ן נצחון פון זיין לאַנד. בפרט האָט געמאַכט אַ גרויסען רושם דער חרם וואָס ער האָט אויסגערופען געגען די וואָס וועלען געבען וועלכע עס איז הילף דעם שונא. גלייכצייטיג האָט ער נישט פארגעסען צו מאָנען און פאָדערען הילף און שטענדיגע שטיצע פאַר די אָרימעלייט וואָס זענען באַזונדערס געוואָרען געטראָפען פון די מלחמה.

זיין ארבייט לטובת דעם פאָלק האָט געפונען חן אויך

ביי די רעגירונג וועלכע האָבען אין איהם געזעהען דעם וואָרטזאָגער פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג, און זיי האָבען ריכטיג אָפגעשאַצט זיין געטריישאַפט און אי־בערגעגעבענקייט צום מלכות, דאָס האָט פאַרשטענדליך געבראַנגט אַ סאַך גוטס און פאַרשטענדיגונג פאר די אי־דישע בירגער.

ווען אין יאָר תקמ״ג (1783) האָט דער קייסר אָנגע־נומען אַ נייעם געזעץ וועגען די ענינים פון הייראַט און גט, דאָס געזעץ אויב עס זאָל דורכגעפירט ווערען אויך ביי די אידישע בירגער, וואָלט עס אונטערגראָבען די יסודות ה־תורה אין טהרת המשפחה. דער קייסר האָט זיך אָבער גע־רעכענט מיט דעם פראגער רב, און זיך פערזענליך גע־ווענדעט צו איהם, ער זאָל דורכשטודירען אַלע פרטים פון דעם נייעם געזעץ און אָנווייזען וועלכע פרטים זענען נישט אין איינקלאַנג מיט דעם דת משה וישראל און זאָלען נישט אָנגענומען ווערען לגבי די אידען.

כמעט דריי יאָר האָט ער געאַרבייט אויף דעם קונטרס „די הייראַטס געזעצען לויט דעם תלמוד", ער האָט עס געשריבען אויף דייטש און האָט פינקטליך ערקלערט די הויפט פרינציפען פון די דיני גיטין וקידושין און איסורי עריות און אָנגעוויזען דעם פארגלייך צווישען דעם געזעץ פון קייסר און די אידישע דינים, און געבעטען אַז עס זאָל אָנגענומען ווערען אַ געזעץ אַז : אַלע מאָל ווען דאָס ציווילע געזעץ איז אין געגענזאַץ מיט דעם אידישען דין, זאָלען די אידען זיך פירען לויט דעם אידישען דין. דער קייסר האָט באַשטעטיגט דאָס געזעץ לויט די אָנווייזונג פו'ם פראגער רב.

מיט זיין גאַנצע לאָיאַליטעט צו דער רעגירונג האָט ער אָבער אַלע מאָל באַטאָנט אַז די ערשטע לאָיאַליטעט

פון אַ איד דאַרף זיין צו דער תורה הקדושה, וואָס שטייט העכער פון יעדען מענטשליכען געזעץ, אין יאָר תקמ״ט (1789) זענען פון פראג גענומען געוואָרען 25 אידען צו מיליטערישע דינסט, עס איז געוואָרען אַ גרויסע מהומה, דאָס איז געוועזן דאָס ערשטע מאָל אַז מען זאָל אידען נעמען צום מיליטער. ר׳ יחזקאל מיט נאָך חשובי הקהל זענען ארויס אין דעם מיליטערישען לאַגער, און ער האָט צו זיי גערעדט אויף דייטש, זיי געטרייסט און געמוטיגט נישט צו פאַרלירען די אמונה און בטחון. ער האָט געזאָגט דעם פסוק „ירא את ה׳ ומלך״, דאָס הייסט: אַז יראת השם איז פריער ווי יראת המלך... ער האָט זיי פאַרזיכערט, אַז עס וועט זיי געגעבען ווערען אַ מעגליכקייט צו היטען שבת און כשרות. ער האָט זיי געבעטען דאַווענען יעדען טאָג און בשעת הדחק, כאָטש זאָגען „שמע ישראל״. ער האָט זיי ערקלערט אַז דאָס דינען געטריי אין דער ארמיי וועט אויפהויבען דעם אידישען כבוד ביי מלכות און פאַר־בעסערען די אידישע לאַגע. ער האָט יעדען סאָלדאַט גע־געבען אַ קליין פעקעלע, וואָס האָט ענטהאַלטען אַ טלית און תפילין, אַ סידור, מיט אַ סומע געלט. ער האָט זיך מיט זיי געזעגענט ווי אַ פאָטער פון אייגענע קינדער.

9.

די וועלט דערציילט: איינמאָל אין די ערשטע יאָרען וואָס ר׳ יחזקאל איז געוועזן אין פראג, גייענדיג אין אַ פראַסטיגען פרימאָרגען פון שוהל אויפ׳ן וועג אַהיים, באַ־מערקט ער אַ יונג שייגעצ׳ל שטייט ביי דער זייט פון גאַס מיט פאַרוויינטע אויגען, ר׳ יחזקאל שטעלט זיך אָפּ און פרעגט איהם: פאַרוואָס וויינסטו דו קליינער אינגל? פון אָנפאַנג האָט דאָס קינד נישט געוואָלט ענטפערען דעם

אידישען ראַבינער, נאָר קוקענדיג אויף זיין פריינטליך פנים און דערזעהענדיג זיין פאָטערליך ליבליכען בליק, האָט ער געקראָגען מוט און געענטפערט: איך בין אַ יתום מיין שטיף־פאָטער איז אַ בעקער, ער איז זייער שלעכט צו מיר, יעדען פרימאָרגען, ווען עס איז נאָך פינסטער, וועקט ער מיך אויף און גיט מיר אויף מיינע פלייצעס אַ שווערען קויש מיט פרישע זעמעל, וואָס איך דאַרף צו־פירען אין דער גאַנצע שטאָט, אויך היינט האָב איך שוין אזוי אָפּגעאַרבייט אַ פאָר שעה, נאָר איצט גייענדיג אַהיים האָב איך פלוצים באַמערקט, דאָס איך האָב פאַרלוירען דאָס גאַנצע געלד וואָס איך האָב היינט געלייזט, ווי וועל איך קומען צו מיין שטיף־פאָטער ער וועט דאָך מיר דער־הרג׳ענען! — האָט דאָס קינד פאַרענדיגט און זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט.

וויפיל געלד איז דאָס געוועזען? — פרעגט איהם ר׳ יחזקאל — פופצען גולדען, ענטפערט דאָס קינד.

ר׳ יחזקאל האָט באַלד אָפּגעציילט פופצען גולדען און איהם געגעבען. אַ חוץ דעם האָט ער איהם אריינגערופען צו זיך אין הויז, אַוועקגעזעצט איהם נעבען אויוען זיך אָנצוואַרעמען און געגעבען איהם אַ הייסע קאַווע מיט צובייסען און ערשט דאַן איהם געשיקט אַהיים.

דער באַגלייטער פון דעם רב איז געוועזען פאַרוואונדערט פון דעם התנהגות, ער האָט זיך נישט געקענט צוריק האַלטען און געפרעגט: רבי! וויניג אידישע אָרעמיליַיט איז דאָ אין שטאָט! — מען דאַרף רחמנות האָבען אויף יעדע באַשעפעניש פון השם יתברך. און שלמה המלך האָט אויך געזאָגט: שלח לחמך על פני המים, ברוב הימים תמצאנו ־ (וואַרף דיין ברויט אויף דעם וואַסער, אין פיל טעג וועסטו עס געפינען) — איז געוועזען דער ענטפער.

יאָרען זענען אַדורך, די פּאַסירונג איז שוין לאַנג פאַרגעסען געוואָרען. איינמאָל שביעי של פסח אויפדער־נאַכט, דער רב זיצט זיך מיט זיין פאַמיליע געמיטליך ביי דער סעודת יום טוב. פּלוצים מען הערט מען קלאַפּט אין דער טיר, מען עפענט די טיר און עס באַווייזט זיך אַ יונגער גוי פון עטליכע און צוואַנציג יאָר, און זאָגט צום רב, איך וויל מיט אייך עפּעס וויכטיגעס רעדען, דער רב נעמט איהם אריין אין זיין חדר מיוחד. דער גוי הויבט אָן: איך בין דער אינגעל, וועמען דער ראַבינער, האָט מיט אַכצען יאָר צוריק געראַטעוועט פון די מערדערליכע פויס־טען פון מיין שטיף־פאָטער, איר האָט מיר געטאָן אַ חסד מיך דערוואַרעמט און זאַט געמאַכט, בין איך איצט גע־קומען דאָס צוריק דינען צו אייך און צו אייער גאַנצע אידישע קהילה פון פּראָג.

איך וועל אייך אויסזאָגען אַ סוד! — נעכטען איז פאָרגעקומען ביי מיין שטיף־פאָטער אין הויז אַ געהיימע פאַרזאַמלונג פון אַלע בעקער פון שטאָט, עס האָט דאָרט גערעדט אַ וויכטיגער גלח, אַ גרויסער אַנטיסעמיט, און ער האָט אַלעמען אויפגעהעצט, אַז אזוי ווי עס איז דאָך באַוואוסט, אז מוצאי פסח, קויפען אַלע אידען ברויט ביי אַ ניט אידישען בעקער, זאָלען אַלע בעקער אריינטאָן סם אין די ברויט, און אזוי נאָך פאַרגיפטען די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג מיט איין מאָל. דער גלח האָט זיי פאַרזיכערט דעם גרעסטען שכר אין „גן־עדן" פאַר אַזאַ גרויסע מצוה און עס איז אָנגענומען געוואָרען דער באַשלוס...

דער רב האָט איהם באַדאַנקט פאַר די טובה. און ער האָט דעם אַנדער טאָג, אחרון של פסח, געלאָזט אויסרופען אין אַלע שוהלען און בתי מדרשים פון פּראָג, דאָס די גאַנצע שטאָט זאָל זיך פאַרזאַמלען פונקט דריי אזייגער

נאָכמיטאָג, אין דער גרויסע שוהל, ווייל דער רב האָט עפּעס צו זאָגען, אַ ענין וואָס איז נוגע דעם אידישען דת מ ע ן קען ע ס נ י ש ט אָ פּ ל י י ג ע ן. יום טוב נאָכמיטאָג אין דער פּינקטליכער שעה, דעם עולם האָט געוואַרט און דער רב, איינגעהילט אין אַ טלית איז אַרויף אויף דער בימה און מיט אַ געבראָכענער שטימע אויסגערופען:

מורי ורבותי! איך בין מכריז ומודיע, אַלס רב ואב"ד פון דער שטאָט, דאָס ליידער האָבען מיר דאָס יאָר געמאַכט אַ טעות אין חשבון פון די חדשים, און מיר האָבען אָנגעהויבען האַלטען פּסח אַ טאָג צו פ ר י, לכן זאָל מען וויסען, היינט נאַכט, טאָר מען בשום אופן קיין חמץ נישט עסען, ביז מאָרגען אָוועגד אי"ה.

דער גאַנצער עולם איז געבליבען ווי פאַרשטיינערט, מען האָט נאָך אַזאַ זאַך נישט געהערט, איבערהויפּט האָבען זיך געוואונדערט די לומדים, דיינים, מיטגלידער פון דעם פּראגער בית־דין, זיי האָבען אַלע געקענט אויסרעכענען דעם חשבון העיבור, זיי האָבען נישט געפונען קיין שום טעות... אָבער דאָך האָט ק י י ן א י ד אין דער גאַנ־צער שטאָט נישט דערוואַגט עובר צו זיין אויף דעם רב'ס באַפעל.

דער אָוועגד איז צוגעפאַלען, די בעקער זענען אריינ־געקומען ווי אַלע יאָר אין אידישען געטאָ און געוואַרט אויף די אידישע קונים, אָבער ווי פאַרוואונדערט זענען זיי געווען, זעהענדיג אַז קיין איד האָט נישט געקויפט קיין שטיקעל ברויט... אויף זייערע פראַגעס, האָט מען זיי גע־ענטפערט, אַז דער רב האָט געהייסען פייערען נאָך אַ טאָג יום טוב. די בעקער האָבען זיך געווענדעט צום געריכט געגען ראַבינער, וואָס האָט זיי אַ שאָדען געטאָן. דער רב איז געבראַכט געוואָרען צום געריכט, און ער האָט באַלד

ערקלערט: איך בין גרייט צו באַצאָלען פאר דעם גאַנצען ברויט, אָבער פריער, זאָל מען איהם דאָס ברויט איבער־געבען, די בעקער האָבען איילענדיג איהם צוגעשטעלט דעם גאַנצע ברויט. — יאָ, איך וועל באַצאָלען, אָבער פריער האָב דאָס רעכט פעטצושטעלען צי דאָס ברויט איז גאָר עסבאַר...

און עס האָט זיך ארויסגעצייט, דאָס די ברויט איז פאַר׳סמ׳ט...

די קריסטליכע בעקער האָבען מודה געווען, אַז דער גלח האָט זיי אָנגערעדט דאָס צו טהאָן. אזוי איז די פראַ־גער קהילה געראַטעוועט געוואָרען, אַ דאַנק דאָס גוטס־קייט און חכמה פון זייער רב.

אין דער דערציילונג, זעהען מיר נישט נאָר דעם גרויסקייט פון רב, נאָר אויך דאָס גרויסקייט פון די אידען. די שטאַרקע אמונת חכמים וואָס אידען האָבען געהאַט, וואָס הגם די ווערטער פון רב זענען געווען גאַנץ אומפאַר־שטענדליך... דאָך האָט קיינער נישט געוואַגט עובר צו זיין דעם פסק דין.

## 10.

היינט רופט מען דאָס אָן פסיכאָלאָגיע, אַמאָל האָט מען זיך נישט באַנוצט מיט די מאָדערנע טערמינען, אָבער אונזערע גדולים וחכמים זענען געווען גרויסע קענער פון די כוחות הנפש, ווי מיר וועלען דאָס זעהן פון דער פאָלגענדער פאַסירונג:

איינער פון די חשובי פראג, אַ גרויסער גביר, האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער אַ בת יחידה. די כלה איז געווען איבגאַנצען פופצען יאָר אַלט, און דער חתן זעכצען.

די ערשטע צוויי חדשים האָבען זיי געלעבט בשלום,

און שווער און שוויגער האָבען געשעפּט נחת. שפּעטער האָבען זיך אָנגעהויבען מחלוקת צווישען דעם יונגען פּאָרעל. ביז איין טאָג איז דער יונגערמאַן פאַרשוואונדען, איבערלאָזענדיק זיין יונג ווייבעל אַן עגונה. מען האָט איהם געזוכט אין נאָהענע און ווייטע שטעט אָבער והילד איננו...

נאָך צען יאָר איז איינמאָל אין אַ זומערדיגען נאָכמיטאָג אָנגעקומען אין פּראגער בית המדרש אַ יונגערמאַן מיט אַ פּולער באָרד, ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לערנען... אידען זענען צוגעגאַנגען געגעבען שלום, געפרעגט ווי דער שטייגער איז: פון וואו קומט אַ איד? ער האָט נישט געגעבען אַ קלאָרען ענטפער... פּלוצים איז איינעם איינגעפאַלען אַז דאָס איז גאָר דער פאַרשוואונדענער יונגערמאַן, דעם גביר'ס איידעם. מען איז באַלד געלאָפען מודיע צו זיין די בשורה טובה דעם גביר, וועלכער איז צוזאַמען מיט זיין טאָכטער געקומען שנעל אין בית המדרש צו כאַפּען דעם תכשיט, איידער ער באַווייזט ווידער צו אַנטלויפען.

דער גביר מיט זיין טאָכטער האָבען איהם אויך דערקענט לויט די סימנים וואָס זיי האָבען פון איהם געהאַט. ער האָט אָבער, געלייקענט שטיין און ביין... מען האָט איהם אָבער נישט אָפּגעלאָזט, געבערענגט צום בית־דין, געפּאַרשט, געמאַטערט, ביז ער איז ענדליך צוזאַמען געבראָכען און מודה געווען, אַז י אָ, ער איז דאָס דער אַנטלאָפענער מאַן, ער האָט זיך אפילו פאַרענטפערט און געזאָגט, אַז ער איז גרייט פון היינט אָן צו זיין גוט און פרום, ער בעט מחילה ביי זיין ווייב פאַר דעם צער וואָס ער האָט זיי געשאַפען. פון היינט אָן און ווייטער, וועט ער זיין אַ נייער מענטש...

די שמחה אין גביר'ס הויז איז געווען אין לשער, ענדליך איז געקומען אַ סוף צו זייער טאָכטער'ס עלענד־

קייט... בלויז די טאָכטער אליין, דאָס ווייבעל, זי האָט נישט אנטייל גענומען אין דער אַלגעמיינער שמחה פון הויז. עפּעס אַ ספק האָט זיך ארייינגעכאַפּט אין איר האַרץ, עפּעס איז זי נישט זיכער ביי זיך, צי איז ער טאַקע איהר פאַרשוואונדענער מאַן צי נישט... זי האָט נישט געוואָלט צושטערען די פרייד פון אירע עלטערען, אָבער דאָך, האָט זי נישט געקענט פועל'ן ביי זיך דערנענטערען זיך צו דעם געפונענעם מאַן.

זי האָט איהם אויפגעדעקט איהרע ספיקות, אָבער ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון איהר, דערמאָנענדיג איהר פאַר־שידענע איינצעלהייטען פון די ערשטע חדשים פון זייער צוזעמנלעבען... דאָך האָט איהר האַרץ זיך געשראָקען און זי האָט נישט געוואוסט ווי צו האַנדלען. ענדליך האָט זי עס דערציילט איהר פאָטער, און זיי האָבען אַלע באַ־שלאָסען זיך צו ווענדען צום רב.

זיי זענען אריין אין זיין בית־דין שטוב, ער האָט זיי אויסגעהערט און זיך מיט קיין וואָרט נישט אָפּגערופען, בלויז מיט זיינע טיפע און הייליגע אויגען דורכגענומען דעם יונגערמאַן. ווען זיי האָבען פאַרענדיגט זייערע רייד, האָט ער זיי אַהיים געשיקט לחיים ולשלום. בלויז דעם פאָטער, דעם גביר, האָט ער פאַרהאַלטען און צו איהם אזוי געזאָגט: דערווייל, זאָג דיין טאָכטער, זי זאָל זיך האַלטען ווייט פון איהם... איהר זאָלט נישט ארויסרופען קיין חשד, נאָר שבת אינדערפרי, ווען איר וועט גיין אין שוהל צום דאַווענען, איז באַלד ווי איהר וועט אריינקומען אין שוהל, זאָלט איהר זיך אָפּשטעלען ביי דער טיר, און הייסען דעם איידים ער זאָל אליין צו גיין צו אייער זיטץ, וואו ער איז מיט אייך געזעסען די ערשטע חדשים נאָך דער חתונה...

שבת אינדערפרי ווען מען איז אריין אין שוהל, האָט דער גביר אזוי געטאָן, ער איז געבליבען רעדען עפּעס מיט דעם שמש און געהייסען זיין „איידים" ארויפגיין צו זיין זיטץ. ער איז געבליבען שטיין אַ צוטומעלטער נישט וויסענדיג וואו זיך צו ווענדען...

מער האָט מען שוין איהם נישט אָפּגעלאָזט, נאָך לאַנגע חקירות, האָט ער מודה געווען, אַז ער איז אַ פרעמ־דער, ער האָט זיך געטראָפען מיט'ן אמת'ן מאַן אין אַ ווייטע שטאָט. אַזוי ווי ער איז זייער ענדליך צו איהם, האָט ער פון איהם אויסגעפאָרשט אַלע איינצעלהייטען פון זיין פאַרלאָזט ווייבל און איהר פאַמיליע און פּרובירט זיין גליק צו ווערען דעם פראגער גביר'ס איידים...

ווען מען האָט שפּעטער געפרעגט דעם רב, פאַר־וואָס איז איהם איינגעפאַלען איהם צו פּרואווען דוקא מיט דעם פּלאַטץ אין שוהל? — האָט ער געענטפערט:

באַלד ווי איך האָב איהם דערזעהען, האָב איך דער־פילט, אַז דאָ שטייט פאר מיר אַ שווינדלער פון דער ערשטע קלאַס, ער וויל דאָ באַגיין אַזאַ גרויסע עבירה. נאָר אַז דער גביר האָט מיר געזאָגט, אַז דער יונגערמאַן ווייס אַלע פּרטים פון זאַכען וואָס זענען פאָרגעקומען בינו לבינה, די ערשטע צייט נאָך דער חתונה, האָב איך פאַר־שטאַנען, אַז ער האָט זיך מסתמא ערגעץ־וואו געטראָפען מיט'ן אמת'ן מאַן און פון איהם אַלעס אויסגעפונען, בכדי צו קענען דורכפיהרען דעם פאַרברעכען. האָב איך פאַר־שטאַנען, אַז אַלעס אויף דער וועלט האָט איהם געקענט איינפאַלען צו פרעגען און אויסצוגעפינען, אָבער בשום אופן נישט וועגען אַ ש ו ה ל אַ מ ק ו ם ק ד ו ש, ווייל דאָס איז אַ פאַקט אַז בשעת אַ מענטש טראַכט און פּלאַנירט צורכצופירען אַזאַ ד ב ר ע ב י ר ה קען

איהם נישט אויפ'ן געדאַנקט קומען וועגען אַ דבר שבּ־קדושה ווי אַ שוהל, ווייל דאָס איז אַ סתירה, דער יצר הרע דערלאָזט נישט, אַז עס זאָל איהם איינפאַלען די עק־זיסטענץ פון קדושה, ווייל דאָס וואָלט געשטערט דעם פּלאַן פון טומאה...

אזוי האָט ער מיט זיין חכמה, מציל געווען אַ אשת איש פון אַ האַרבּע עבירה, ר"ל.

## 11.

אַ סוחר איז אַמאָל געקומען קיין פּראג ערב שבת, און האָט ביי זיך געהאַט אַ סומע פון צען טויזענט גולדען. ער איז איינגעשטאַנען אין אַ אכסינא, אָבער נישט וועלענדיג איבערלאָזען דאָרט דאָס איבער שבת. און אויך נישט וועלענדיג עס טראָגען ביי זיך, האָט ער באַשלאָסען אריינצוגיין צו איינעם פון זיינע באַקאַנטע סוחרים פון שטאָט, וואָס ער פלעגט מיט איהם טאָהן פיל מסחר. דער סוחר איז געווען אַ גביר און אַן אָנגעזעהענער מענטש אין שטאָט, און צו איהם, האָט ער זיך געווענדעט, ער זאָל האַלטען אין פּקדון די 10,000 גולדען, ביז איבער שבת. דער גביר האָט מסכים געווען איבערגעציילט דאָס געלד, און עס באַהאַלטען.

מוצאי שבת, ווען דער פרעמדער סוחר קומט אָפּנעמען זיין געלד, זאָגט צו איהם דער גביר: איך ווייס פון גאָר־נישט, דו האָסט מיר קיין געלד נישט געגעבען... קודם האָט דער סוחר געמיינט אַז ער מאַכט אַ שפּאַס, אָבער באַלד האָט ער זיך איבערצייגט, דאָס ער איז אריינגעפאַלען צו אַ גנב, ער האָט געשריען געוויינט, און עס האָט גאָרנישט געהאָלפען, דער גביר האָט זיך געהאַלטען ביי זיינעס, עס איז אַ בלבול... אַן אָנשיקעניש...

דער פרעמדער איד זעהענדיג ווי ער אריינגעפאַלען, איז געלאָפען צום רב. מיט טרערען אין די אויגען, איהם דערציילט די גאַנצע געשיכטע. דער רב האָט איהם באַרוהיגט און צו איהם געזאָגט: זאָרגט זיך גאָרנישט, דער אמת וועט ארויסקומען ווי בוימעל אויפ'ן וואַסער, קום אריין מאָרגען אינדערפרי אי״ה און מיר וועלען זעהן וואָס צו טאָהן.

זונטאָג אינדערפרי ניין אַזייגער איז דער פרעמדער סוחר אריין צום רב, דער רב האָט איהם געהייסען אריין גיין אין אַ זייטיגען צימער, און געזאָגט איהם, ווען דו וועסט הערען די שטימע פון גביר ווי ער האַנדעלט זיך מיט מיר, זאָלסטו אריין קומען און פאָרלייגען דיינע טענות.

דער רב האָט באַלד געשיקט זיין שמש און געבעטען צו רופען דעם גביר, ער זאָל באַלד קומען צום רב. דער גביר איז באַלד געקומען. דער רב זאָגט צו איהם: איך האָב אייך גערופען, אזוי ווי די נויטען פון די אָרימעלייט אין דער שטאָט זענען זייער גרויס, עס קומט דער ווינטער, מען דאַרף קויפען מאַנטלען, שיך פאר די קינדער פון דער תלמוד תורה, אַלזאָ, וואָלט איך וועלען פון אייך אַ נדבה פון טויזענט גולדען.

דער סוחר האָט זיך כמעט דערשראָקען און געזאָגט: רבי איהר שאַצט מיך צו גרויס, הלואַי וואָלט איך געקענט וואָלט איהר ביי מיר נישט געדאַרפט אפילו בעטען, ליידער איז ביי מיר דער מצב נישט אזוי פויגעלדיג... געשעפטען זענען לעצטענס געוואָרען שוואַך, דער רעזשים גרויס, ביי מיין בעסטען ווילען, קען איך דאָס נישט באַהויפטען. — זאָל זיין כאָטש פינף הונדערט — מאַכט דער רב. אוממעגליך רבי — ענטפערט דער גביר.

אָבער הערט זיך צו - זאָגט דער רב - אַ איד איז דאָך

מחויב בצדקה, גיט וויניגסטענס 250 גולדען, רבי — ענטפערט דער פראגער גביר — פארוואָס זאָלט איהר מיך אזוי מצער זיין?! — מער ווי 25 גולדען קען איך ליידער, בשום אופן נישט געבען.

...פלוצים עפענט זיך די טיר, עס קומט אריין דער פרעמדער סוחר און מאַכט אַ געוואַלד: „רבי! ראַטעוועט מיר. אָט דער גזלן, דער מערדער, ער האָט מיר אומגליקליך געמאַכט... פרעמד געלט... פון אָרימע יתומות... ווי קען איך קומען אַהיים אָן געלד...” — ר' איד וואָס שרייט איר? דאָ אין בית־דין שטוב איז נישט קיין פלאַץ פאר געוואַלדען — זאָגט דער רב.

אָבער רבי, איך האָב דעם איד געגעבען צען טויזענט גולדען ערב שבת, און ער לייקענט — שרייט ווייטער דער פרעמדער סוחר.

קענט איהר דעם איד? פרעגט דער רב דעם גביר — יאָ, איך פלעג מיט איהם אַמאָל האַנדלען, איך האָב אָבער געזעהען, אַז ער איז אַ שווינדלער, האָב איך אויפגעהערט מיט איהם צו האָבען צו טאָן, נעכטען נאַכט, קומט ער פלוצים צו מיר און מאַכט אַ געוואַלד, אז איך האָב זיין געלד — זאָגט דער פראגער גביר מיט זיכערקייט.

איהר הערט — זאָגט דער רב צום פרעמדען סוחר — קיינער וועט אייך נישט גלויבען אייער געשיכטע, אַלע קענען דעם היגען סוחר פאַר אַ ערליכען מאַן, איהר האָט קיין עדות, רעדט מער נישט דערפון.

דער סוחר האָט געשריען, געוויינט, מען האָט איהם גאָרנישט געקענט באַרוהיגען אַזאַ אומגליק... אַזאַ רוצח...

דער רב ווענדעט זיך צום גביר — איהר זעהט דאָך, עס איז אייך באַשערט אַ אָפּקומעניש, גיט איהם אַ נדבה און זאָל ער אייך לאָזען במנוחה...

מסכים — זאָגט דער גביר. איך גיב איהם 100 גול־
דען און פאַרטיג מיט איהם. — ו ו אָ ס ? נ ד ב ו ת
וועסטו מיר געבען ? ! — איך וויל נישט קיין נדבות... איך
וויל מ י י ן ג אַ נ צ ע געלד... — שרייט דער
פרעמדער.

נו, גיט איהם נאָך הונדערט, אַז עס איז באַשערט אַ
צרה... — מאַכט צו איהם דער רב.

איך פאָלג אייך רבי — ערקלערט דער גביר. ווי איר
הייסט מיר רבי, וועל איך טאָן. — דער פרעמדער לאָזט
אָבער נישט אָפּ, מיין געלד... מיין געלד...

איך זעה — זאָגט דער רב צום גביר — איהר האָט
היינט נישט גוט געדאַווענט די תפילה: שתצילנו היום
מפגע רע... גיט איהם 300 גולדען און מער טשעפּעט
איהם נישט — זאָגט ער צום פרעמדען.

גוט — זאָגט דער גביר — אייערע ווערטער רבי,
זענען הייליג ביי מיר.

דער פרעמדער וואַרפט זיך צו דער ערד — און שרייט
אז אויב עס איז נישטאָ קיין יושר, וועט ער זיין געצוואונגען
זיך צו נעמען דאָס לעבען... ר"ל — ער קען זיך
נישט אומקערען אַהיים אָהן דעם גאַנצען געלד, דאָס האָט
ער געבאָרגט פון אָרימע יתומות, וואָס האָבען געזאַמעלט
אַ נדן...

נו, ווייסט איהר וואָס — בעט זיך דער רב ביים גביר —
טוט אַ חסד און גיט איהם שוין גאַנצע 500 גולדען
און פּטור. — מער וויל איך נישט הערען קיין איין וואָרט
פון אייך — זאָגט ער צום פרעמדען.

מסכים — זאָגט דער גביר.

אָבער דאָ שפּרינגט אויף דער רב — און הויפּט אויף
זיין שטימע — און זאָגט: דו גנב! דו גזלן! גיב אָפּ דאָס

גאַנצע געלד, ביז דער לעצטען העלער!!! — איצט זעה איך, אַז דו האָסט עס זיכער צוגענומען. ערשט מיט אַ האַלבע שעה צוריק, האָסטו געוויינט פאַר מיר, אז דו קענסט נישט געבען פאַר צדקה אַזאַ סומע, און דאָ פלוצים ביסטו געוואָרען אַזאַ ברייטהאַרציגער מענטש... צו געבען פאַר אַ מענטש, וואָס לויט דיינע רייד ביסטו איהם גאָר־נישט שולדיג, נאָר ער מאַכט אויף דיר אַ בלבול... און דאָ ביסטו וויליג איהם צו געבען פינף הונדערט גולדען!

— זיי זיך מודה... גיב אָפּ דאָס גאַנצע געלט!!!

פון רב׳ס געשריי און זיין שטרענגען טאָן, האָט זיך דער גביר דערשראָקען, און האָט זיך מודה געווען... און האָט צוריק געגעבען דאָס גאַנצע געלט.

אזוי איז ר׳ יחזקאל מיט זיין תורה און חכמה באַרימט געוואָרען איבער דער גאַנצער אידישער וועלט. און עס נישט קיין חידוש, וואָס קהילות האָבען זיך ביי איהם גע־בעטען אָנצונעמען ביי זיי דאָס רבנות. ר׳ יחזקאל איז אָבער געווען צוגעבונדען מיט ליבשאַפט צו די פּראגער אידען, אַז ער האָט זיי נישט געקענט איבערלאָזען.

די הבטחה וואָס די משנה גיט פאַר דעם וואָס לערענט תורה לשמה, אַז: „ונהנין ממנו עצה ותושיה" — מען געניסט פון איהם עצות. — איז ביי דעם פּראַגער רב מקויים געוואָרען בשלימות. יעדער מענטש מיט וועלכען עס איז שווערען פּראָבלעם, האָט איין איהם געפונען אַ געטרייען פאָטער, ער האָט אַלעמאָל געהאַט דאָס ריכטיגע וואָרט, די גוטע עצה אויפ׳ן ריכטיגען פלאַטץ. איז דאָס געווען אַ רב אָדער אַ דיין, וואָס האָט געהאַט פּראָבלעמען אין זיין קהילה, אָדער איז דאָס געווען אַ בחור וואָס האָט געהאַט אַ פּראָבלעם מיט אַ שידוך, אָדער גאָר אַ בעל־הבית אַ יורד ר״ל, פאַר יעדען האָט ער געהאַט צייט און

געדולד, זיך משתתף צו זיין אין אַלעמנעס פּראָבלעם און געזוכט צו העלפען מיט ראַט און טאַט.

זיין תלמיד הגאון ר׳ אליעזר פלעקעלס זצ״ל, האָט זיך אַמאָל פאר אים באַקלאָגט, אַז די בעלי־בתים באַלעסטיגען איהם טאָג איין טאָג אויס מיט אַלע קליניגקייטען, אזוי אַז עס בלייבט איהם קוים צייט צום לערנען. — איך האָב פאַר דיר אַ פּשוט׳ע עצה — זאָגט צו איהם דער רב — די אָרימעלייט וואָס קומען צו דיר גיב זיי אַ גמילות חסד און די גבירים, בעט ביי זיי, אַ גמילות חסד, וועלען זיי אַלע אויפהערען צו קומען צו דיר...

אַ גאַנצע קהילה האָט זיך אַמאָל געווענדעט צו ר׳ יחזקאל, אַזוי ווי דער רב איז ביי זיי נפטר געוואָרען, און דער זוהן וויל דוקא איבערנעמען דאָס רבנות, כאָטש ער איז ניט ראוי דערצו, עס מאַכט זיך אַ צד און עס קען קומען צו אַ מחלוקת, וואָס זאָל מען מיט איהם טאָן — שיקט איהם צו מיר אויף אַ פאַרהער— ענטפערט זיי דער רב, דער יונגערמאַן איז געקומען צום פּראַגער רב. ער האָט באַלד געזעהען מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן. אַן עם־הארץ טאָר נישט זיין אַ רב ביי אידען — זאָגט צו איהם שטרענג דער רב. — איהר זעהט עס זענען דאָ אַזעלכע וואָס ווילען מיך, זיי האַלטען אַ פנים אַז איך בין נישט קיין עם־הארץ... — ענטעפערט דער יונגערמאַן.

וואָס קען איך דיר העלפען אַז די גמרא זאָגט עדות אויף דיר אַז דו ביסט אַן עם־הארץ! — זאָגט צו איהם דער רב. — דער יונגערמאַן לאָזט נישט אָפּ — וועלכע גמרא? — פרעגט ער ווייטער, — אַלע מסכתות פון ברכות ביז נדה... — איז געווען דער ענטפער.

## 12.

דער אמת׳ער אדם גדול איז דער, ביי וועמען זיינע תורה׳דיגע אמת׳ן און איבערצייגונגען ברענען ווי אַ פייער אין זיין האַרץ, און ער קען זיי בשום אופן נישט אונטער־דריקען, קיינע חשבונות פון פערזענליכע אינטערעסען, באַקוועמליכקייטען און דאָס גלייכען, קענען אויף איהם נישט האָבען די מינדעסטע ווירקונג צו ענדערען זיין מיינונג אין אַ געוויסען ענין, אָדער כאָטש צוריקהאַלטען זיך פון זאָגען דאָס אין דער עפענטליכקייט.

דער שקר פון דיפּלאָמאַטיע פון „מיינד יור אָאון ביזנעס״, פון מאַכען זיך נישט הערען און נישט זעהן, בכדי נישט צו דאַרפען רעאַגירען, איז זיי אינגאַנצען פרעמד. ווי מיר זעהען דאָס ביי דעם אדון הנביאים משה רבינו ע״ה, ווען ער איז ארויס אין מצרים און געזעהען ווי צוויי אידען קריגען זיך האָט ער באַלד דערפילט אַז עס איז זיין פליכט צו נעמען אַ שטעלונג, זיך יאָ מישען, וואָרענען, מוסר׳ן נישט קוקענדיג וואָס ער האָט זיך אַליין געשטעלט אין אַ געפאַר. דאָס זעלבע לערנען מיר פון יעקב אבינו ע״ה, וואָס קומענדיג קיין חרן, אַליין אַ אַנט־לאָפענער פון געפאַר פון עשיו, אין דער פרעמד, אָבער באַלד ווי ער זעהט, ווי די פּאַסטוכער זאַמלען איין די שאָף פאַר די ריכטיגע צייט, רעאַגירט ער באַלד: לא עת האסף המקנה, השקו הצאן ולכו רעו... (נאָך נישט גע־קומען די צייט איינזאַמלען די שאָף, גיט זיי טרינקען און גייט זיי פּאַשען...). ווי רש״י ערקלערט דאָרט: אויב איר זייט טאָג־אָנגעשטעלטע האָט זיך נאָך נישט געענדיגט אייער טאָג ארבייט... — ער טראַכט גאָרנישט וואָס איז דאָס מיין דאגה אויב פרעמדע ארבייטער טוען נישט זייער

ארבייט בשלימות, נײן, ער קען נישט צוזעהן א עולה...
ער מוז רעאַגירען...

אויך דער פראגער רב, ר׳ יחזקאל, איז געװען אײנער פון די געבענטשטע גדולים, װאָס נישט קוקענדיג אויף די מעגליכע קאָנסעקװענסען, האָט ער קײנמאָל נישט גע־קענט אונטערדריקען זײנע מײנונגען און באַהאַלטען זײנע אמת׳ן. דאָס האָט איהם דעם רודף שלום, אַרײנגעמישט אין אַ מחלוקת לשם מצוה, װאָס איז באַרימט געװאָרען אונטערען נאָמען „הגט מקליװא״.

אין יאָר תקכ״ז (1767) האָט אַ איד פון מאַנהײם דײטשלאַנד, מיט׳ן נאָמען איציק נײבורג, חתונה געהאַט מיט אַ פרוי פון דער שטאָט בונא, צומאָרגענס נאָך דער חתונה, האָט ער ערקלערט, אַז װעגען אַ געהײמען טעם, מוז ער פאַרלאָזען דאָס לאַנד און אַנטלויפען צו אַ פרעמדע מדינה. עטליכע טעג שפעטער, איז ער טאַקע פאַרשװאונ־דען. מען האָט איהם געזוכט ביז מען האָט איהם געפונען אין אַ קלײן דערפעל, באַהאַלטען בײ אַן אַרענדאַר. ער האָט װידער ערקלערט, אַז עס דראָהט איהם אַ סכנה צו בלײבען אין דײטשלאַנד, ער האָט געגען זיך אַ טויט אור־טײל און מוז װי פריער פאַרלאָזען דאָס לאַנד, מער אײנ־צעלהײטען, האָט ער ניט געװאָלט אַרויסגעבען. ער האָט פאָרגעשלאָגען צו געבען זײן פרוי אַ גט, דאַמיט זי זאָל נישט בלײבען אַן עגונה.

זײ זײנען בײדע געפאָרען קײן קליװא, אַרײן צום רב פון שטאָט ר׳ ישראל ליפשיטץ (דער בעל „תפארת ישראל״ אויף משניות אין זײן אַ אײניקעל). און געבעטען איהם מסדר צו זײן אַ גט. דער רב האָט װי געװײנליך געפרופט מאַכען שלום, נאָר דער מאַן האָט איהם אויך דערקלערט, דאָס ער איז געצװאונגען אַזוי צו האַנדלען, דער רב האָט

מיט זיי גערעדט אַרום פיר שעה און ערשט דאַן האָט ער זיך איבערגעצייגט אַז עס איז מער קיין פּלאַטץ פאַר שלום, האָט ער ענדליך מסדר געווען דעם גט.

נאָכ'ן געבען דעם גט, איז דער מאַן ווארשוואונדען און מען האָט פון איהם מער נישט געהערט. פּלוצים איז אַרויס דאָס בית־דין פון מאַנהיים מיט אַ פּסק דין, אַז דער מגרש איציק נייבורג איז גייסטיג קראַנק, דאָס איז ביי איהם אַ מְשוגעת ר"ל, וואָס עס פאַרפאָלגט איהם אַ שרעק, ממילא איז דער גט וואָס מען האָט מסדר געווען אין קליוואַ, פּסול, און די פרוי טאָר נישט חתונה האָבען צו אַ צווייטען.

אין פראַנקפורט האָט אין יענער צייט משמש געווען ברבנות דער גרויסער גאון און צדיק ר' אברהם אביש זצ"ל, ער איז געווען באַרימט מיט זיין אויסערגעוויינליכע קדושה און עניוות. און אָט דער פראַנקפורטער רב איז אויך אַרויס מיט'ן גאַנצען שאַרפקייט פון זיין כוח התורה און גע'אסר'ט דער פרוי נאָכאַמאָל חתונה צו האָבען, ווייל זי איז ווייטער אַן אשת איש.

די מחלוקת האָט אויפגערודערט גאַנץ מיטעל איירָאפּאַ. פיל רבנים פון דור האָבען זיך אריינגעמישט, צווישען אַנדערע, דער „שאגת אריה", ר' יעקב עמדין, ר' איציקל האַמבורגער האָבען באַרעכטיגט די האַנדלונג פון ר' ישראל ליפּשיטץ און מכשיר געווען דעם גט. די אוסרים, האָבען אָבער זיך געהאַלטען ביי זייערעס און נישט געוואָלט דער־לאָזען דאָס די פרוי זאָל זיך פאַרלאָזען אויף די מתירים.

דאַן האָט זיך אריינגעמישט אויך ר' יחזקאל דער פּראגער רב און ער האָט אָנגעשריבען אַ גרויסע תשובה אַז דער גט איז כשר. אַ חוץ דעם, האָט ער שבת תשובה אין דער דרשה ערקלערט: זאָלען מיר אזוי זוכה זיין דאָס יאָר

צו ביאת גואל צדק און  ב אַ פ ר י י ט  ווערען פון גלות, ווי דער גט איז כשר, און די אשה איז  ב א פ ר י י ט  פון איהר מאַן. ער האָט געוואָרענט די חכמי פראנקפורט ... עס איז אַ האַרבער איסור מפקפק צו זיין אין גט און במקום שיש חילול השם אין חולקין כבוד לרב....

די פרנסים פון פראנקפורט האָט עס זעהר פאַרדראָסען עס איז זיי שוין געגאַנגען אין נצחון, און דאָ קומט דער פראַגער רב און איז מתיר דאָס וואָס זייער רב האָט גע־אסר׳ט, זיי האָבען דאָס נישט געקענט אַראָפּשליגגען, דריי טאָג אין חודש אדר תקכ״ח, האָבען זיי עפענטליך דן געווען צו פאַרברענען אַלע תשובות און בריוו פון פראַגער רב אין דעם ענין פון גט. ר׳ יחזקאל האָט געוואָלט פאַרמיידען מחלוקת און ער האָט מער עפענטליך נישט געענטפערט, אָבער ער האָט יאָ געשיקט בריוו צו פיל קהילות, אַז זיי זאָלען זיך נישט רעכענען מיט דעם איסור פון פראנקפורט ווייל רוב גדולי ישראל, זענען מכשיר דעם גט.

די פרנסים פון פראנקפורט האָבען אויסגעלאָזט זייער נקמה געגען דעם פראַגער רב אויף דעם פאָלגענדען אופן: זיי האָבען אריינגעשטעלט אין פנקס הקהל אַ באַשלוס, דאָס דער פראַגער רב אָדער זיינע קינדער ביז דעם דריטען דור, זאָלען קיינמאָל נישט אויפגענומען ווערען צו קיין אַמט אין דער פראנקפורטער קהילה, עס זאָל זיי אפילו נישט ערלויבט ווערען צו האַלטען אַ דרשה אויב זיי וועלען דורכפאָרען דורך פראנקפורט...

מען דערציילט, אַז נאָך דער פטירה פון זייער רב הגאון הקדוש ר׳ אברהם אביש זצ״ל, האָט די פראנקפור־טער קהילה נישט געקענט געפינען אַיין רב אַ גדול, וואָס זאָל נישט האָבען גענומען אַן אייגטייל אין דעם ענין פון גט מקליווא און נישט מכשיר געווען. אָבער זיי האָבען

באַשלאָסען, בשום אופן נישט צו נעמען אַ רב, וואָס האָט חולק געווען אויף זייער פריערדיגען רב. — ביז זיי האָבען געפונען דעם גאון ר׳ פנחס האָראָוויץ זצ״ל דער בעל הפלא״ה, ער האָט אויך געהאַט אָנגעשריבען אַ תשובה מכשיר צו זיין דעם גט, נאָר נאָכ׳ן פאַרענדיגען די תשובה האָט זיך ביי איהם אויסגעגאָסען דאָס פלעשעל טינט און פאַרמעקט די גאַנצע תשובה... האָט ר׳ פנחס זיך גע־טראַכט, איך בין זיכער, אַז דער גט איז כשר, אָבער איך זע, אַז מן השמים וויל מען נישט איך זאָל זיך אין דעם ענין מישען. אזוי אַרום איז ר׳ פנחס אויפגענומען געוואָרען אַלס פראַנקפורטער רב...

13.

אין יאָר תקל״ג איז אין פראג אויסגעבראָכען אַ פייער אַרום זיין הויז, בלויז זיין דירה און דער בית המדרש איז געבליבען גאַנץ, דאָך זענען איהם, אין טומעל פון פייער, פאַרלוירען געוואָרען אָדער פשוט צוגע׳גנב׳עט געוואָרען פיל טייערע חפצים, זילבערוואַרג און קליידונג, אָבער דער עיקר האָט איהם דאָס האַרץ וויי געטאָן אויף די פאַרלוי־רענע כתבי־יד, תשובות און חידושים, דאַמאָלסט האָט ער באַשלאָסען מסדר צו זיין זיינע תשובות און לאָזען זיי אָפּ־דרוקען זיי אין אַ ספר.

אין יאָר תקל״ו (1776) איז אַרויס פון דרוק זיין ערשטער ספר דער „ספר שאלות ותשובות **נודע ביהודה**״ — קמא. ער האָט זייער מדקדק געווען, אַז עס זאָל אַרויס־קומען בתכלית ההידור לכבוד ה׳ ותורתו הקדושה. ער האָט נישט געוואָלט נעמען פון קיין בעלי־בתים, גבירים, הילף צום דרוקען דאָס ספר, נאָר אַלעס אויסגעלייגט פון זיין טאַש. ווען דאָס ספר איז פאַרטיג געוואָרען, האָט ער

פיל פון זיי צוטיילט בחינם צו תלמידי חכמים און דאָס איבעריגע איבערגעגעבען צו מוכרי ספרים, שטעלענדיג זיי אַ באַשטימטען פרייז. אויב עס האָט זיך צו איהם גע־ווענדעט אַן עושר, געבעטען אַ ספר, פלעגט ער איהם שיקען צו אַ מוכר ספרים, נישט וועלענדיג נעמען קיין מתנת בשר ודם. מיט דעם זעלבען מנהג, האָט ער זיך אויך געפירט ווען ער האָט אַרויסגעגעבען זיין ספר „ציון לנפש חיה" אויף די מסכתות ברכות, פסחים, ביצה, באַ־וואוסט אַלס „צל"ח". זיין כוונה איז געווען נאָר להגדיל תורה ולהאדירה, אָהן יעדע מאַטעריעלע אינטערעסען.

עס איז נישט דאָ דער אָרט אָפצושטעלען זיך אויף דעם געוואַלדיגען לומדי'שען ווערט פון זיינע חיבורים, עס וועט זיין גענוג צו באַמערקען דעם פאַקט, וואָס הגם אין יענע יאָרען איז נאָך די קאָמיוניקאַציע צווישען לענ־דער און קאָנטינענטען געווען זייער אַ שוואַכע, דאָך האָבען זיך אין גאָר אַ קורצע צייט פאַרשפרייט זיינע ספרים אין אַלע לענדער וואו עס האָבען זיך געפונען אידען. אויך אין די ספרד'ישע קהילות איז זיין נאָמען געוואָרען באַוואוסט, ווי מיר זעהען, אַז דאָרטיגע רבנים האָבען זיך צו איהם געווענדעט מיט זייערע שווערע הלכה פראָבלעמען.

דאָס ענטפערען תשובות איז ביי איהם געווען אַ וויכ־טיגער חלק פון זיין הרבצת תורה. ווי זיין זוהן דערציילט, אַז איינמאָל האָט ער געזעהען ווי זיין פאָטער האָט באַקומען אויף איינמאָל פיל שאלות פון באַרימטע גדולי הדור און צום לעצט האָט ער באַקומען אַ שאלה פון אַ קליינשטעטעל־דיגען רב, נישט פון די גרויסע לומדים. האָט ער פריער געענטפערט דעם לעצטען. אויף די פאַרוואונדערונג פון זיין זוהן, פאַרוואָס ער גיט פאָרצוג דעם לעצטען? — האָט ער אזוי געענטפערט: די גרויסע רבנים קענען דאָך אליין

פסק'ענען א שאלה, נאָר זיי ווילען הערען מיין מיינונג, זיך מפלפל זיין, נו, וועט קיין אומגליק נישט זיין, אויב איך וועל לאָזען זיי וואַרטען, זיי וועלען זיך שוין ווי־עס־איז אליין אַן עצה געבען... אָבער אַט דער לעצטער, ער דאַרף באמת וויסען דעם פסק דין, טאָ מוז איך איהם באַלד ענטפערען...

עס וועט זיין כדאַי זיך אַביסעל ברייטער אָפּצושטעלען אויף דעם נודע ביהודא'ס שטעלונג צו חסידים און חסידות.

ווי מיר זעהען אין זיין באַרימטע תשובה וועגען זאָגען „לשם יחוד" בעפאָר אַ מצוה, און אויך אין צל"ח ברכות י"ב וועגען זאָגען „אהבת עולם" איגדערפרי אין דער צווייטע ברכה פאר קריאת־שמע, איז ר' יחזקאל געווען אַן אויס־געשפּראָכענער געגנער פון די חסידי'שע באַוועגונג, וואָס האָט אין זיין צייט אָנגעהויבען זיך פארשפּרייטען פון מזרח איירָאפּא. — ווי עס איז שוין פרידער דערמאָנט געוואָרען, איז דאַן געווען אַ צייט פול מיט חשדים און מורא'ס מען האָט נאָך געפילט די ביטערע פאָלגען פון דער שבתי צבי ימ"ש באַוועגונג און דאָס האָט גורם געווען, דאָס פיל גאוני עולם און צדיקי אמת האָבען זיך קריטיש באַצויגען אויך צו דער הייליגער באַוועגונג פון חסידות. —

אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, וואָס טראָצדעם וואָס דער פּראגער רב, האָט זיך נישט צוריקגעהאַלטען פון אַטאַקירען און קריטיקירען די חסידים מיט זייערע מנ־היגים, מיט די שאַרפסטע אויסדרוקען, דאָך האָבען די חסידים אין זיין צייט, זיך באַצויגען צו איהם מיט דעם גרעסטען רעספּעקט און יראת הכבוד. זיי האָבען געוואוסט די רייד פון בעל שם טוב זי"ע, וועגען די גרויסקייט פון זיך נשמה און חשיבות פון זיין תורה לשמה. עס איז באַוואוסט אַז דער דזשיקיווער רבי בעל „אמרי נועם" זצ"ל

פלעגט זאָגען: הלואי זאָל איך זוכה זיין דאַווענען „כל נדרי״ אזוי לשם שמים, ווי דער נודע ביהודא איז געווען אַ מתנגד לשם שמים...

עס ווערט דערציילט: ווען עס איז ארויס פון דרוק דער ספר „תולדות יעקב יוסף״, וואָס איז דאָס רעשטער חסידי׳שער ספר, וואָס ברענגט פיל תורות פון בעל שם טוב זצ״ל, האָט מען דאָס ספר צוגעשיקט צום נודע ביהודא. מען האָט געוואָלט וויסען, וואָס פאַר אן איינדרוק עס וועט אויף איהם מאַכען. ווי דערציטערט זענען זיי געוואָרען, ווען זיי האָבען געהערט, אַז דאָס ספר וואַלגערט זיך ביי איהם אונטער דער ספרים שראַנק, צווישען די אומווערט־פולע זאַכען...

עס איז באַשלאָסען געוואָרען צו שיקען צו איהם אַ שליח פון די גרויסע חסידים אַ גאון אין תורה, צו זעהן צו ענדערען זיין באַציהונג צו דעם הייליגען ספר, עס איז אויסגעוויילט געוואָרען פאר דעם צוועק, דער באַרימטער שיפיטאָווקער רב, הגאון הצדיק ר׳ יעקב שמשון זצ״ל.

ווען ער איז אָנגעקומען קיין פראג, האָט ער זיך אָנ־געהויבען ארומדרייען אין נודע ביהודא׳ס בית המדרש. זיך נישט אויסגעגעבען פאַר קיינעם. בלויז פון צייט צו צייט, ווען ער פלעגט הערען ווי די תלמידים זענען זיך מפלפל אין אַ געוויסען ענין, פלעגט ער זיך אריינמישען און אויפלייכטען זיי די אויגען. איינמאָל האָט פאַסירט אַז דער רב האָט געפרעגט אַ האַרבע קושיא אין זיין שיעור און עס גלאָזט אומפאַרענטפערט, דער פרעמדער אורח, האָט פאַר די תלמידים די קושיא וואונדערליך פאַרענט־פערט. זיי האָבען דעם תירוץ איבערגעזאָגט דעם רב, און ער האָט זיך שוין מער אָנגעהויבען אומקוקען אויף דעם

מאָדנעם גאַסט, וואָס קיינער ווייס נישט ווער איז ער און וואָס ער וויל דאָ.

מיט דער צייט איז דער שיפּיטאָווקער געוואָרען אַ בן־בית ביי דעם נודע ביהודא, ער פלעגט ביי איהם עסען די שבת׳דיגע סעודות, און מיט זיינע דברי תורה און חכמה, האָט ער געוואונען דעם צוטרויען פון רב. ביז איינמאָל האָט ער ביי איהם געבעטען רשות צו זאָגען אַ דרשה אין דער גרויסער פּראַגער שוהל. דער רב האָט איהם געפרעגט אויף וועלכע סוגיא ער וויל דרש׳ענען, האָט ער געענטפערט, וואו מען וועט עפענען די גמרא. עס איז געלעגען פאַר זיי אַ גמרא בבא בתרא, האָט מען זי געעפענט אויף דף יו״ד, וואו די גמרא זאָגט: צען האַרטע זאַכען איז דאָ אויף דער וועלט, בערג זיינען האַרט אייזען קען זיי צושניידען, אייזען איז שטאַרק, פייער קען עס צושמעלצען און אזוי ווייטער... האָט ער געזאָגט אַז ער וועט אויף די סוגיא זאָגען דעם פלפול...

דער עולם האָט זיך צושמייכעלט וואָס ער רופט די אגדתא אַ סוגיא... אָבער ווי דערשטוינט זענען זיי געוואָרען ווען ער האָט אָנגעפאַנגען זיין דרוש, ער האָט צו־זאַמענגעברענגט סוגיות פון ש״ס וואָס ריידען איבער דינים פון בערג, געפרעגט אויף זיי קושיות און ווידער האָט ער געברענגט סגיות הש״ס וואָס באַהאַנדלען דינים פון אייזען און מיט זיי פאַרענדיגט די פריערדיגע קושיות, און אזוי ווייטער... אַלע צען זאַכען.

דער נודע ביהודא איז אזוי נתפעל געוואָרען פון זיין חריפות, אַז ער האָט זיך מער נישט געקענט איינהאַלטען און האָט געפרעגט דעם גאַסט: ווי איך זע, זייט איר אַ אדם גדול איינער פון די גדולי הדור, זאָגט מיר איך בעט אייך, וואָס איז דער צוועק פון אייער קומען אַהער?....

האָט איהם דער שיפּיטאָפּקער געענטפערט: איך בין דער קלענסטער פון די תלמידי הבעל שם טוב זי"ע און איך בין געקומען זיך אָננעמען פאר דעם כבוד פון דעם הייליגען ספר „תולדות יעקב יוסף" וואָס ליגט דאָ פאַרשעמט....

דער נודע ביהודה האָט ביי איהם געבעטען אַ צייט פון דרייסיג טעג ביז ער וועט איהם געבען אַן ענטפער. מער האָט דער שיפּיטאָפּקער מיט אים נישט גערעדט די גאַנצע דרייסיג טעג בלויז באַגריסט זיך מיט גוט שבת...

ווען די צייט איז דורך איז ער אריין צום פּראגער רב און אים געטראָפען, ווי ער האָט פּונקט פאַרענדיגט דעם לעצטען דף פון ספר תולדות יעקב יוסף און האָט פאַרמאַכט דעם ספר און אַ קוש געטאָן. האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געענדערט זיין באַציאונג צום ספר.

דער פּראגער רב האָט איהם געבעטען ער זאָל איהם איבערגעבען מער איינצעלהייטען וועגען דעם מחבר פון דעם הייליגען ספר. האָט דער שיפּיטאָפּקער אים געענטפערט: איך קען אייך זאָגען נאָר איין זאַך, דאָס אויב איהר, וואָלט איהם אליין — נישט נאָר זיין ספר — געלייגט אונטער דער שאַנק, וואָלט ער עס אויך נישט געשפירט...

אין יאָר תק"ן (1790) איז נפטר געוואָרען זיין געטרייע און איבערגעגעבענע רביצין. ווי שוין דערמאָנט, איז זי געוועזן זיין לעבענסבאַגלייטערין כמעט זעכציג יאָר. דאָס האָט איהם אזוי צובראָכען, אַז די עלטער האָט אויף איהם אויך דערנאָך אָנגעהויבען צו לאָזען איהר ווירקונג, ער האָט זיך דערפילט שוואַך און צובראָכען. דאָך האָט ער נישט אָפּגעלאָזט פון זיין עבודת הקודש, און האָט ווייטער געזאָגט די שיעורים פאר די תלמידים און געענטפערט תשובות. ער איז נאָך געוועזן פול מיט קוראַזש און אונטערנעמונגס גייסט בנוגע תורה און עבודת השם.

זיין זוהן ר' יעקב'קא שרייבט, אַז ער האָט איהם באַזוכט אין יענער צייט, און ער האָט איהם געזאָגט, דאָס ער פלאַנירט ארויסצוגעבען אַ נייעם ספר אויפ'ן רמב"ם הלכות קידוש החודש, אויך האָט ער געהאַט בדיעה צו שרייבען אַ ספר אויף מסכת כתובות, זאָגענדיג: כאָטש די גאונים פון פראנקפורט, דער „פני יהושע" און דער „הפלא"ה" האָבען שוין אויפגעטאָן וואונדערליך אויף מסכת כתובות, דאָך האָף איך צו השם יתברך, דאָס איך וועל נאָך אויך האָבען וואָס צו זאָגען... אזוי זעהען מיר, ווי עס איז ביי איהם מקויים געוואָרען דער פסוק: וקווי

ה׳ יחליפו כח, ער איז געבליבען פול מיט גייסטיגע שטארקהייט און ענערגיע ביז זיין לעצטען טאָג. מיר גע־פינען תשובות וואָס ער האָט געשריבען נאָך אין זיין לעצטען יאָר.

ביז עס איז געקומען דאָס יאָר תקנ״ג (1793) זיבעצען טאָג אין אייר, איז פלוצים איוסגעלאָשען געוואָרען די ליכטיגע הייליגע מנורה, אַכציג יאָר איז ער אַלט געווען אין טאָג פון זיין פטירה. דאָס טרויער וואָס האָט אַרומ־גענומען די גאַנצע אידישע וועלט איז גאָרנישט צו באַ־שרייבען, קליין און גרויס, יעדער האָט געפילט, ווי מען איז פלוצים געוואָרען פאַר׳יתומ׳ט פון פאָטער און מוטער צוזאַמען. אין אַלע קהילות זענען אָפגעהאַלטען געוואָרען ביטערע הספדים.

אין זיין צוואה בעט ער: מען זאָל איהם נישט מספיד זיין אַלס גאון אָדער צדיק, דער איינציגער שבח איז, וואָס ער האָט מרביץ תורה געווען פון זיין יוגענט, מען זאָל נישט שטעלען אן אוהל אויף זיין קבר, נאָר אַ שטיינערנע מצבה, וואָס איהר פרייז זאָל נישט זיין מער ווי 18 גולדען.

דאָס איז דער נוסח פון זיין מצבה:

נפטר יום ב׳, י״ז אייר שנת תקנ״ג לפ״ק

לפרט בעל המחבר שו״ת נו״ב וספר צל״ח

הוא הרב המפורסם מהו״ר יחזקאל

בן הרב הגדול מהו״ר יהודה סג״ל לנדא

אב״ד ור״מ דק״ק פראג

ת נ צ ב ״ ה

ער האָט איבערגעלאָזט קינדער אַ זוהן און איידימס, גרויס אין תורה און יראה. זיינע ספרים זענען פאַרבליבען אויף שטענדיג אַ ברכה פאר דעם אידישען פאָלק.

**געבענטשט זאָל זיין, זיין נאָמען.**
**זכר צדיק לברכה!**